YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv04i06

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 4 Issue 6
February 1922

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 4, Iss. 6)

Keywords

International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/160

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, ו')

אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

[illegible]

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. IV. No. 6. — New York, Friday, Feb. 10, 1922 — פרייטאג, דעם 10טען פעברואר, 1922 — PRICE 3 CENTS

פערטער יעהרליכער מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין אטלאנטיק סיטי

דער פערטער יעהרליכער מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל עפענט זיך דעם קומענדען מאנטאג, דעם 13טען פעברואר, אין אטלאנטיק סיטי, אין „ברייקערס האטעל".

גענאסע מאריס זיגמאן, קומט ספעציעל צו דעם מיטינג. ער וועט זיין מאנטאג ביי די ערשטע זיצונגען. ער האט פארבערייט געוויסע פונקטען, וועגען וועלכע פראגען בנוגע דער יוניאן.

פרעזידענט שלעזינגער און סעקרעטער בארא? וועלען אויף דעם מיטינג האבען צו באריכטען גאר א סך פון די אלע קעמפע, וואס אונזער אינטערנעשאנאל האט דורכגעמאכט אין דער פארגאנגענער צייט צווישען דעם פריהערדיגען מיטינג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און דעם איצטיגען. זיי וועלען האבען צו באריכטען פון די אלע סטרייקס און סעטלמענטס און פון אלע זאכען וואס אונזער יוניאן האט דורך דער צייט געהאט. די צייט צווישען די צוויי מיטינגען איז ווירקליך געווען העכסט שטורמיש אבער די אינטערנעשאנאל איז הייט צו דעם איצטיגען פערטען יעהרליכען מיטינג גאנץ, אומבאשעדיגט, דורכגעהענדיג די אלע בייזע צייטען, די שרעקליכע געוויטערען, וועלכע האבען זיך אזוי ברוטאל פארנומען די אינטערנעשאנאל אויף צו צושטערען, אויב ניט אין גאנצען איהר צו צושמעטערן.

אין די געמיטער פון די מיטגלידער פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועלען אויף דעם פערטען יעהרליכען מיטינג אין אטלאנטיק סיטי געוויס זיין א סך גרינגער, ווי ווי זיינען עס געווען אויף דעם לעצטען פערטער יעהרליכען מיטינג אין סט. לואיס. דעמאלט, אויף יענעם מיטינג, איז אונזער יוניאן פארנומען געווען אין אזוי פיל קאמפען, איבער א סך פראנטען, און די העדרצער האבען זיך געווים א ביסעל געשטארקט. אמת, אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן איז שטארק און מעכטיג. אבער ווען עס קומט אויף מיט איין מאל, און איין צייט, דורכצומאכען אזוי פיל קאמפען, מוז דאס דאך זיך א ביסעל א שוואך טאן. נאך אלעם, ווען מען פאנגט אן א קאמף ווען מען דארף ביסלעך ניט וויסען באשטימט פריהער, ווי אזוי דער קאמף וועט זיך שפעטער ענדיגען. היינט ווי איז עס נאך, ווען עס קומט אויף מיט איין מאל צו פיהרען אזוי פיל קאמפען!

הויז, די מיטגלידער פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועלען געוויס אויף דעם מיטינג זיך פיהרען א סך בעסער ווי זיי האבען געפיהרט אויף דעם לעצטען מיטינג, אין סט. לואיס.

צווישען די וויכטיגע פונקטען, וואס וועלען אויף דעם מיטינג באטראכט ווערען, וועט אויך זיין דער באריכט פון דער רעפערענדום אפשטימונג פון אונזערע מעמבערס, אין וועלכער שטאדט עס זאל זיין אונזער נעקסטע קאנווענשאן, און דעם קומענדען מאנאט מאי.

יענע די פונקטען, וואס ווערען אויף דעם מיטינג אויפגענומען ווערען, וועלען מיר באריכטען א צווייטען מאל.

צושריפטען צו דעם מיטינג זאלען געשיקט ווערען אין אינטערנעשאנאל אפיס, 31 יוניאן סקווער, ניו יארק, אדער אין „ברייקערס האטעל", אטלאנטיק סיטי.

וויסט און דרעס מאכער ארגאניזאציאנס קאמפיין אין פולען גאנג

די באגאנג עמברוידערי וואך

דער ארגאניזאציאנס קאמפיין ביי די וויסט און דרעסמאכער איז אין פולען גאנג. ניט ארגאניזירטע שעפער פון דעם טרייד ווערען ארונטערגענומען יעדען פרימארגען און די באלעבאטים מיזען סעטלען מיט דער יוניאן. צענדליגער ארבייטער, ?נער און פרויען, וואס האבען ביז יעצט געארבייט אין די נאן יוניאן שעפער, שרייבען זיך איין אין דער יוניאן.

די וואך איז די עמברוידערי וואך, ווי ברודער האראפערין גיט אונז איבער, וועט מען יעדע וואך ארונטערנעמען די נאן יוניאן שעפער פון אן אנדער צווייג אין דער אינדוסטריע. און די וואך איז די עמברוידערי וואך, עס זיינען אפגעשטעלט געווארען א סך ניט יוניאן שעפער, וואו עס ווערט געמאכט באנאזעמברוידערי ארבייט. די ארבייטער פון דעם פאך דארפען באלאנגען אין לאקאל 66, וואס איז א טייל פון דעם וויסט און דרעסמאכער דזשאינט באארד.

דער ארגאניזאציאנס דרייוו וועט אזוי אנגעהאלטען פאר וואכען און וואכען. דער דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעס אינדוסטריע איז אנטשלאסען, דאס די ארבייטער פון דער אינדוסטריע זאלען איין מאל פאר אלע מאל ארגאניזירט זיין פולע הונדערט פראצענט, און אלע מעגליכע מיטעל ווערען איצט אנגעווענדעט דאס צו דערגרייכען. דיזע אינדוסטריע מוז ענדליך ווערען פאלשטענדיג ארגאניזירט. עס איז נישטא קיין גרונט, ווארום די וויסט און דרעס אינדוסטריע קאן נישט זיין פונקט אזוי ארגאניזירט ווי עס איז די קלאוק אינדוסטריע.

אלזא, יעדע וואך וועלען אפגעשטעלט ווערען אנדערע גרופען ניט יוניאן שעפער פון די בראנטשעס אין דער אינדוסטריע, ביז אלע שעפער פון דעם מין וועלען ארגאניזירט ווערען. אין דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין האט דער דזשאינט באארד די פולע צושטימונג און מיטהילף פון די אקטיווע יוניאן מיטגלידער פון די לאקאלס. לאמיר האפען, דאס אט די אנשטרענגונג פון דעם דזשאינט באארד וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

די פעדעראלע אונטערזוכונג אין דער קלאוק אינדוסטריע וועט אין גיכען פארקומען

מיר האבען שוין געמעלדעט לעצטע וואך אין דער „גערעכטיגקייט", דאס פרעזידענט שלעזינגער, אין נאמען פון אונזער אינטערנעשאנאל, האט דערמאנט די מיניסטארען הואווער און דייווים אין וואשינגטאן וועגען דער אונטערזוכונג, וואס דארף געמאכט ווערען אין דער קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק אין איינקלאנג מיט'ן סעטלמענט פון לעצטען קלאוקמאכער סטרייק. דער בריף, וואס פרעזידענט שלעזינגער האט געשיקט צו די מיניסטארען הואווער און דייווים איז געדרוקט געווען אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט", און דא דרוקען מיר דעם ענטפער פון סעקרעטערי דייווים אויף יענעם בריף:

„יאנואר דעם 27טען, 1922.

„מר. בענדזשאמין שלעזינגער,
פרעזידענט אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, 31 יוניאן סקווער, ניו יארק סיטי.

„מיין טייערער מר. שלעזינגער.

„אלס ענטפער אויף אייער בריף פון 26טען יאנואר, ערלויבט מיר אייך צו זאגען, דאס עס איז אונזער פולע פארשטענדניס, נאכדעם ווי מיר האבען די פראגע פאלשטענדיג מיט אייך דיסקוטירט, דאס די פארגעשלאגענע אונטערזוכונג אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע פון ניו יארק זאל זיין א פאלשטענדיגע און א גרינדליכע. די אונטערזוכונג וועט איינשליסען די גאנצע אינדוסטריע, אנפאנגענדיג פון דעם רוי מאטעריאל ביז דעם פארקויף פון די פארטיגע גארמענטס אלצדינג וואס האט צו טאן מיט דער גארמענט אינדוסטריע.

„מיר האבען זיך אויך איינפארשטענדיגט דאס די קאמיסיע וואס דארף באשטימט ווערען פון סעקרעטערי הואווער און מיר אליין זאל באשטעהן פון אזעלכע פערזאנען, געגען וועלכע קיין פארטיי זאל ניט האבען אויסצוזעצען. די קלאוק מאנופעקטשורערס האבען אונז שוין צוגעשטעלט א ליסט מיט נעמען פאר אונז צו באטראכטען ביים אויסקלייבען די קאמיסיע. מיר האפען, דאס איהר וועט אויך צושטעלען א ליסט מיט נעמען פאר אונז צו באטראכטען. אויב איהר זאלט געפינען פאר נויטיג אויסצושטעלען די נעמען פון די פערזאנען, וואס איהר שלאגט פאר לויט דעם פארצוג וואס איהר גיט זיי, וועט, פארשטעהט זיך, סעקרעטערי הואווער און איך זיך פיגען לויט דעם פארצוג ווי איהר וועט אויסשטעלען די נעמען.

„די קאמיסיע וואס וועט אויסגעקליבען ווערען פון די נעמען וואס וועלען אונז צוגעשטעלט ווערען פון אייך, פון די קלאוק מאנופעקטשורער און פון אונז אליין, וועט זיך גלייך נעמען צו דער פאלשטענדיגער אונטערזוכונג פון דער

(שלוס אויף זייט 16)

אינטערנעשאנאל אפען פארום מיטינג דעם פרייטאג אין בראנזוויל

ווי האט אויסגעזעהן דער צווייטער אפען פארום מיטינג אין הארלעם?

די דריטע דיסקוסיאנס-פארזאמלונג פון „אינטערנעשאנאל אפען פארום", וועט פארקומען דעם פרייטאג אווענט, דעם 10טען פעברואר, אין בראנזוויל. די פארזאמלונג וועט אפגעהאלטען ווערען אין דעם „אינדעפענדענס האל", אסבארן סט. און פיטקין עווענוי.

די דיסקוסיאנס-פארזאמלונג דעם פרייטאג אווענט האט געזאלט אפגעהאלטען ווערען אויף דער איסט סייד אין ניו יארק. עס איז אבער אוממעגליך געווען פאר אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, וועלכע ארראנזשירט דיזע פארזאמלונגען, צו באקומען א פאסענדען האל, און די בראנזווילער קלאוקמאכער האבען באקומען דעם פארצוג.

די נעקסטע דיסקוסיאנס פארזאמלונג וועט באשטימט אפגעהאלטען ווערען אויף דער איסט סייד, עס וועט באצייטענס באזארגט ווערען א פאסענדער האל פאר דער פארזאמלונג.

אויף דער פארזאמלונג, דעם פרייטאג אווענט אין בראנזוויל, ווי אויף די פריהערדיגע צוויי פארזאמלונגען, אין די בראנקס און אין הארלעם, וועט פרעזידענט

(שלוס אויף זייט 16)

לעקטשור און קאנצערט דעם פרייטאג אין הארלעם

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פאנגט אן, דעם פרייטאג אווענט א סעריע לעקטשורס, אין אידיש, אין דעם הארלעם סאשעליסט סענטער, 62 איסט 106טע סטריט. דער לעקטשורער איז מאקס לעווין, וועלכער איז גוט באקאנט צו די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל. ער וועט דיסקוטירען די פראבלעמען און ציעלען פון דער ארבייטער באוועגונג. די סעריע לעקטשורס וועט זיין א פארטזעצונג פון די „אפען פארום" מיטינגען וואס איז לעצטע וואך אנגעפאנגען געווארען אין הארלעם.

ביי די לעקטשורס וועט דיסקוטירט ווערען די אנטוויקלונג פון דער טרייד יוניאן באוועגונג אין אמעריקא, פון אנפאנג ביז דעם היינטיגען טאג. די לעקטשורס ווערען געגעבען אין אידיש און עס איז צו האפען, דאס די מיטגלידער אונזערע אין הארלעם וועלען קומען אהין פארברענגען אן אנגענעמען אווענט און דערביי עפעס לערנען.

דער עולם וועט קאנען שטעלען פראגען און זיך באטייליגען אין דער דיסקוסיע נאכ'ן לעקטשור. זאלען וואס מעהר פון

(שלוס אויף זייט 16)

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 6.

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש. א פאר ווערטער צו די פרעסערס פון דער וויסט אינדוסטריע — ג. שעכטער.
זייט 3. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער. פ. אונזערע קריטיקער (פעליעטאן) — א סטעף רעפארטער.
זייט 4. מיטינג פון דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע — מ. ק. מאקאוו. די קאסטום דרעסמאכער יוניאן לאקאל 90 — א. בערנארסקי.
זייט 5. אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. דער רעזולטאט פון די וואהלען אין לאקאל 23 — ה. וואנדער.
זייט 6. פינאנץ-רעפארט פון די פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן — מ. סענדער. אין א קליין שטעדטעל — מרים קארפילאוו.
זייט 7. ערצעהלונג און שלוס פון פינאנס-באריכט.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 9. דאס פראבלעם פון דעם אידישען ארבייטער פיהרער — ג. פאמעראנץ.
זייט 10. די בייזע סדרה פארמער — א. וואלדין. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. א קלאוקמאכער איבער די „קריטיקער" פון דער אינטערנעשאנאל — א קלאוקמאכער.
זייט 12. ענינים פון דער אינטערנעשאנאל אין דער פרעס — ל. פינקעלשטיין. אין א שפילען טאג (ליד) — י. י. שווארץ.
זייט 13. אלערליי פון קליוולאנד — מ. פערלשטיין. קורצע שמועסען.
זייט 14 און 15. — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. פארשיידענעס

ערשטע דיסקוסיאנס פארזאמלונג פון אינטערנעשאנאל פארום

פרעזידענט שלעזינגער לייט איין א דיסקוסיאן איבער טרייד־פראבלעמען און ארום א טויזענד מענער און פרויען הערען זיך איינמערקזאם צו צו יעדען ווארט. — ברודער י. פיינבערג, דער טשערמאן פון אווענט.

לעצטען פרייטאג אווענד איז געווען די ערשטע פארזאמלונג פון „אינטערנעשאנאל אפען פארום", ארגאניזירט פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. די פארזאמלונג איז געווען אין די בראנקס, אין דעם גרויסען האל פון „לאנדאן קאסינא", קלערמאנט פארקוויי און ווטיטע עוועניו. מען האט געמוזט נעהמען די גרויסע האל, ווייל ארום א טויזענד, און אפשר מעהר, קלאוקמאכער, מענער און פרויען, זיינען געקומען אויף דער פארזאמלונג.

דער אינטערנעשאנאל פארום איז א נייעס אין אונזער יוניאן, וואס איז שוין זייט א לענגערע צייט געפלאנעוועט געווארען פון פרעזידענט שלעזינגער און איצטער ווערט עס דורכגעפיהרט פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. דער פלאן איז צו האבען אפענע דיסקוסיעס מיט די מיטגלידער פון אונזער יוניאן. אזעלכע פארזאמלונגען וועלען אפגעהאלטען ווערען אין אלע טיילען פון שטאדט, וואו אונזערע מיטגלידער וואוינען. די דיסקוסיעס וועלען זיין איבער טרייד־פראבלעמען. עס וועלען דיסקוטירט ווערען פראגען, וואס אינטערעסירען די מיטגלידער פון אונזער יוניאן.

די ערשטע דיסקוסיאנס־פארזאמלונג, לעצטען פרייטאג אווענד, איז געווען אן ערפאלג אין אלע הינזיכטען. עס איז געקומען א סך א גרעסערער עולם ווי מען האט ערווארטעט. מען האט גערעכענט, אז צו אזא פארזאמלונג, וואו עס וועט דיסקוטירט ווערען די ערנסטע פראבלעמען אין דער קלאוק־אינדוסטריע, וועלען קומען א באשרענקטע צאהל מיטגלידער. געקומען איז אבער אן עולם ווי צו א מאסען־פארזאמלונג און מען האט אנפאנגס געמיינט, אז דער גרויסער עולם וועט זיין א שטערונג פאר דעם כאראקטער פון דער פארזאמלונג.

עס האט זיך אבער אויסגעלאזען אנדערש ווי מען האט אנפאנגס געמיינט. דער גרויסער עולם האט זיך פארהאלטען רוהיג,ווירדיג און שעהן. די פילע מענער און פרויען אין האל האבען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט זיך צוגע־הערט צו יעדען ווארט פון פרעזידענט שלעזינגער, ווען ער האט איינגעלייטעט די דיסקוסיע, און די פארזאמלונג איז אפגעגאנגען רוהיג און שעהן, ווי אין דעם האל וואלטען זיין בלויז געצעהלטע מענ־שען.

פיינבערג'ס ערעפענונגס־רעדע און שלעזינגער'ס איינלייטונג.

דער טשערמאן פון אווענד איז געווען ברודער ישראל פיינבערג, דער דזשע־נעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן. ער האט דערקלעהרט דעם עולם דעם צוועק פון דער פארזאמלונג און האט פארגעשטעלט פרעזידענט שלעזינגער איינצולייטען די דיסקוסיע.

פרעזידענט שלעזינגער באקומט אן אוואציע. דעם עולם איז איבערהויפט שטארק געפעלען די אידעע פון רופען אזעלכע דיסקוסיאנס־פארזאמלונגען, וואו די פיהרער פון דער יוניאן זאלען זיך קענען דורכרעדען פנים אל פנים מיט דער „רענק ענד פייל", און די אגוועזענדע וויזען ארויס צופרידענהייט.

אלס א טעמא פאר דער דיסקוסיע, האט שלעזינגער גענומען „ווידזש סקיילס און פראדוקטיוויטעט". די איינלייטונג האט דעם רעדנער גענומען ארום א שטונ־דע צייט. ער ווייזט אן אויף די אלע שוועריגקייטען וואס קומען ארויס פון די פארוויקעלטע פראגען וואס זיינען פאר־בונדען מיט דעם פראבלעם. ער ווייזט אן, ווי ביי דער איינפיהרונג פון וואך־ארבייט אין קלאוק־טרייד זיינען אויפגע־קומען די איבער־סקייל פרייזען, און ווי שווער עס איז צו קאנטראלירען אט די פרייזען וואס די ארבייטער באקומען אי־בער די מינימום־סקיילס.

ער רעדט אויך וועגען די טענות פון די בעלי בתים וועגען „פראדאקשאן", וועגען זייער טענה, אז זיי ווילען „א דא־לאר ארבייט" פאר יעדען דאלאר, וואס זיי גיבען דעם ארבייטער, און ער ווייזט אן, אז באמת איז גאר ניט מעגליך אזעל־כעם איינצופיהרען, ווייל עס איז ניטא אזא מאס מיט וואס מען זאל עס אין דעם קלאוק־טרייד קענען אויסמעסטען. די ארבייט אין די קלאוק־שעפער איז אזוי

פאריאידענארטיג, דאס מען וואלט אייגענטליך געדארפט ניט נאר א באזונדער מאס פאר יעדען שאפ, נאר אפילו אין יעדען שאפ באזונדער וואלט אלע מאל געדארפט באשטימט ווערען אן אנ־דער מאס. מיט דער איינפיהרונג פון דעם סטייל וואלט זיך אויך געדארפט בייטען די מאס פון „דעם דאלאר ארבייט". אבער — זאגט ער — אזוי ווי די פראגע שווימט כסדר ארויף אויף דער אויבער־פלעך, ווען מען הויבט נאר אן רעדען וועגען אונזערע טרייד־פראבלעמען, דארף מען זיך וועגען דעם פארטראכטען; אפשר וועט מען געפינען אן אויסגאנג. ער שפרעכט זיך אבער אויס ענטשיידען גע־גען א פארזוך איינצופיהרען אין קלאוק־טרייד וואס מען רופט „א סטאנדארד אוו פראדאקשאן", ווייל אין קלאוק־טרייד קען אזעלכעס בשום אופן ניט ארביי־טען. פרעזידענט שלעזינגער האט די אלע פראגען גאנץ גענוי ארומגערעדט, און ווען ער האט געענדיגט האט ער באקומען א גרויסען אפלאז.

נאך דער איינלייטונג האט א היב־שער עולם זיך געמעלדעט צום ווארט. דער טשערמאן האט אפילו באשטימט, אז א דעבאטאנט זאל רעדען נישט מעהר ווי פינף מינוטען, אבער ער האט שטרענג די „רולינג" ניט דורכגעפיהרט; זיי האבען גערעדט ביז זיי זיינען פארטיג גע־ווארען.

און ערשט איצטער, ווען די דעבא־טאנטען האבען גענומען רעדען, האט זיך אם בעסטען ארויסגעוויזען, ווי נייטיג עס איז אין אונזער יוניאן אזעלכע דיסקו־סיעס, עס זאל א ביסעל קלארער ווערען אין די קעפ פון מאנכע פון אונזערע מיט־גלידער די וויכטיגע טרייד־פראבלעמען אין אונזערע אינדוסטריען. מיט א גאנץ קליינער אויסנאהם, האבען די מעהרסטע וואס האבען זיך געמאלדען צום ווארט גערעדט „גלאט אין דער וועלט אריין", ניט אנגעבענדיג קיין איין ארגומענט פון עפעס א ממשות. מען האט גלייך גע־זעהן, אז זיי האבען זיך ניט גענוג אריינ־געטראכט אין די פראגען, וואס זיי הא־בען זיך איינגעשטעלט דעבאטירען. די מעהרסטע האבען געשאסען מיט פראזען, וועלכע זיינען אפשר גוט ווען מען רעדט וועגען „א עקינפטיגער געזעלשאפט", אבר מען קען מיט זיי נישט לייזען אפילו דעם קלענסטען פראבלעם פון דעם מא־מענט, פון דער געגענווארטיגער צייט.

אבער דאס מאכט ניט. פון אזעלכע דיסקוסיעס וועלען דיזע מענשען זיך אויסלערנען די פראגען בעסער צו פאר־שטעהן; עס וועט ביי זיי קלארער ווערען אין די קעפ.

אויס גערעכטיגקייט צום גרויסען עולם אויף דער פארזאמלונג, דארף דא געזאגט ווערען, דאס ער, דער עולם גופא, די גרויסע צאהל צוהערער, האבען ארויס־געוויזען מעהר אינטעליגענץ, מעהר פאר־שטענדליכקייט צו די פראגען וואס זיי־נען דיסקוטירט געווארען, ווי די מעהר־סטע דעבאטאנטען וואס האבען גערעדט. דאס האט מען געקענט דייטליך זעהן פון דער שעהנער האלטונג פון דעם גרויסען עולם; פון די וויציגע באמערקונגען פון מאנכע פון עולם וועגען די שוואכע ארגו־מענטען פון די דעבאטאנטען. מען האט עס אויך געקענט זעהן פון דעם געלעכ־טער, וואס האט אויסגעשאסען, ווען מאנ־כער פון די דעבאטאנטען האט ארויסגע־רעדט עפעס האמעטנעס, און פון דעם אפלאוז וואס זיי האבען געגעבען דעם יעניגען וואס האט געזאגט עפעס א גליי־כע זאך.

נעהמענדיג דאס אלץ אין באטראכט, מוז מען קומען צום שלוס, אז אזעלכע דיסקוסיאנס־מיטינגען דארפען פארטגע־זעצט ווערען. דער „אינטערנעשאנאל אפען פארום" דארף פארבלייבען א שטענדיגער טייל פון אונזער עדיוקיישא־נאל טעטיגקייט; עס דארף פארבלייבען א שטענדיגע אינסטיטוציע אין אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן. מיט דער גרעס־טער געשפאנטקייט האט דער עולם זיך צוגעהערט צו יעדען ווארט, וואס איז אויף דעם מיטינג דיסקוטירט געווארען, און דאס ווייזט קלאר און דייטליך ווי שטארק פאראינטערעסירט עס זיינען אונזערע מיטגלידער אין אזעלכע מיטינ־גען און אין די פראבלעמען פון טרייד, וואס זיינען דארט דיסקוטירט געווארען.

צום שלוס האט פרעזידענט שלעזינ־גער ווידער גענומען דאס ווארט צו ענט־פערען די רעדנער, און ער האט דאס גענומען אויס'ן בעסטען אופן. ער האט

גערעדט מיט ענטוזיאזם און האט באווי־זען ווי זינלאז עס איז געווען די פראזען־דרעשעריי פון מאנכע פון די דעבאטאנ־טען. דעם אפלאוז, וואס ער האט ווידער באקומען צום סוף, האט נאך א מאל גע־וויזען, אז דער גרויסער עולם איז געווען אויף דער זייט פון לאגיק, אויף דער זייט וואס זוכט די פראבלעמען צו לייזען, און נים אויף דער זייט פון די, וואס שיסען מיט פראזען גלאט אין דער וועלט אריין. א סטעף רעפארטער.

אינטערנעשאנאל גרייט פאר דער אונטערזוכונג אין דער קלאוק אינדוסטריע

(שלוס פון זייט 1)

ניו־יארק ווי אזוי די אינטע־יוניאנ דארף געמאכט ווערען. דער בריף צו די מיניסטארען לייענט זיך ווי פאלגט:

„יאנואר 30, 1930.

האנאראבעל הערבערט הוווער, סעקרעטערי אוו קאמערס; האנאראבעל דזשיימס דזש. דייוויס, סעקרעטערי אוו לייבאר, וואשינגטאן, די. סי.

הערען:

אין א בריף וואס איך האב געהאט די עהרע אייך צו שרייבען אלס אן ענט־פער אויף א בריף פון אייך ביידען, דעם 10טען יאנואר, האב איך קלאר געמאכט די שטעלונג פון אונזער יוניאן אין באַ־צוג צו אייער פארגעשלאגענער אונטער־זוכונג אין דער פרויען קליידער אינדוס־טריע אין ניו יארק. איך האב עס קלאר געמאכט אויף פאלגענדען אופן:

„אונזער יוניאן איז אלע מאל גע־ווען דאפיר, אז עס זאלען געמאכט ווערען אזעלכע רעפארמען אין דער אינדוסטריע, וואס זאלען מעגליך מא־כען פאר'ן פובליקום צו קריגען גאר־מענטס פאר ביליגערע פרייזען, ווי מען קריגט עס איצט. אונזער יוניאן האט שוין עטליכע מאל ארויסדערקלערט, אז זי איז גרייט מיטצו־העלפען די מאנופעקטשורערס דאס צו פארווירקליכען. מיר אנערקענען, אז דאס פראבלעם איז א גרויסע און אז א ריכטיגע לייזונג פון דעם פרא־בלעם וועט נאר קענען זיין דאן, ווען עס וועט גענומען ווערען אין אנבא־טראכט אלע ספעציעלע פיטשורס און קאנדישאנס אין דער אינדוסטריע און די מעטאדען פון דעם גאנצען סיסטעם פון אויפמאכען קליידער, וועלכע עק־זיסטירען אין דער אינדוסטריע. מען מוז נעהמען אין אנבאטראכט דעם סיזאן־כאראקטער פון דער ארבייט; דאס וואס די אינדוסטריע איז אנגע־וויזען אויף די שטענדיג זיך בייטענ־דע סטיילס; דעם קאסט פון רוהע מאטעריאלען; דעם איבעריגען קאסט, וואס ווערט פארורזאכט פון דעם, וואס אין ניו יארק זיינען דא נים ווי־ניגער ווי 28 הונדערט שעפער אייגע־נע מאנופעקטשורער קלאוקס; און אזוי מוז מען נעהמען אין אנבא־טראכט די פראפיטען פון דעם אר־בייטסגעבער און די צאהלרייכע מי־טעל־לייט אין דער אינדוסטריע א. ז. וו."

„דאס איז געשריבען געווארען אין מיי־טען פון דזשענעראל סטרייק אין אונזער אינדוסטריע. זייט דאן האבען די מא־נופעקטשורערס צוריק אנגעפאנגען אר־בייטען אונטער די קאנדישאנס, וועלכע זיינען געווען פאר דעם סטרייק, פאלגענ־דיג מיט דעם א קאורט־ארדער, ארויסגע־געבען פון דזשאסטיס וואגנער פון סופ־רים קאורט פון סטייט.

„אלזא, מיט די נארמאלע קאנדישאנס אין דער אינדוסטריע צוריק איינגע־שטעלט, אם וואשינגטאנס פארלויפיג, באַ־נוץ איך די געלעגענהייט צו פארערען אייער אויפמערקזאמקייט אויף דער נויט־ווענדיגקייט פון אן אונטערזוכונג, אין די ליניען ווי איך האב דא אנגעוויזען.

די ארבייטער פון דער פרויען קליי־דער אינדוסטריע זיינען דירעקט פאראינ־טערעסירט און זיינען שטארק פאראינ־טערעסירט צו זעהן, אז די פרייזען אויף גארמענטס זאלען זיין מעהר צוגענגליך. קלענערע פרייזען אויף גארמענטס מיינט מעהר פארקויפטע גארמענטס און מעהר ארבייט; עס מיינט אלזא לענגערע סי־זאנס און מעהר ארבייט פאר די ארביי־טער.

אונזער יוניאן האלט דערפאר, אז די פארגעשלאגענע אונטערזוכונג אין אונזער אינדוסטריע זאל זיין אן אבסאלוט פר־לע און ברייטע אונטערזוכונג. א שטו־דיום אין די ארבייטס־קאנדישאנס אליין וועט זיין אין גאנצען ארויסגעווארפען. עס וועט גאר נים ווייזען, נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז דורכשניטליך באטרעפט אן אייטעם אויסגאבען פאר ארבייט נאך ווייניגער פון 25 פראצענט פון דעם גאנ־צען קאסט פון גארמענט אין האלסייל.

און אזוי ווי [illegible] פראצענט פון דעם קאסט א גארמענט [illegible] ... די הויפט [illegible] וואס מאכען אויף דעם [illegible] פון גארמענטס זיינען די [illegible] אינטערעסאנטע שאפ און [illegible] ... דאס עס גהען אין [illegible] ביי דער [illegible] ביזנעס, פראפיטען פון די ארבייטס־געבער און [illegible] אין דער אינדוסטריע און הויפטזעכליך די פראפיטען פון די פארשיידענע [illegible] און אנדערע [illegible] פארשטעהט זיך, אז מען וועט נים קענען מאכען קיין שום רעפאר מען פון האפט און באריכטונג, וואו מען וועט נים פריהער מאכען א גרינדליכע אויספארשונג פון דיזע אלע אונטערשיידענע עלעמענטען.

וואס אנבאלאנגט אונזער יוניאן, וועט זי געבען פולע מיטהילף אין אזא אונטער־זוכונג. אלע ביכער און רעקארדס פון אינ־פארמאציע, וואס זיינען אין אונזער בא־זיץ, וועלען זיין גרייט פאר דעם צוועק. מיר ערווארטען, אז די קלאוק, סוט און סקוירט מאנופעקטשורערס פראטעקטיוו אסאסיאיישאן און איהרע מיטגלידער, אזוי אויך אנדערע פירמען, וואס וועלען ווערען אנגעריהרט פון דער פארגעשלאגענער אונטערזוכונג, זאלען אויך אזוי האנדלען.

ערווארטענדיג פון אייך א שנעלען און צופרידענשטעלענדען ענטפער, פארבלייב איך מיט אכטונג, אייער,

בענדזשאמין שלעזינגער,
פרעזידענט פון דער אינטערנע־שאנאל ליידיס גארמענט וואר־קערס יוניאן."

קאלעקטיוו אגרימענט אין שיקאגא'ער דרעס־טרייד פארלענגערט

(שלוס פון זייט 1)

נייפקינס און אנפאנגען פארהאנדלונגען וועגען אן אגרימענט פאר ווייטער.

אלזא, פרידען איז איינגעשטעלט גע־ווארען אין דרעס־טרייד פון שיקאגא פאר נאך א יאהר צייט מיט אויסזיכטען פאר א פרידליכען אויסגלייך אויך אויף ווייטער. דאס איז נאך א שטיקער זיג פאר אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן און פאר די דרעסמאכער פון שיקאגא.

דער פארלענגערטער אגרימענט שרייבט פאר א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך, וועקס און א האלב געזעצליכע יום־טובים, א „פרעפערענשיאל" יוניאן שאפ און נאך אנדערע יוניאן־סטאנדארדס. דער אגרימענט שרייבט אויך פאר אר־ביטריישאן אין פאל ביידע צדדים קאנען זיך נים איינינען איבער א געוויסער זאך.

ביי דעם קאנפערענץ מיט די מאנו־פעקטשורערס אסס'ן איז די יוניאן גע־ווען פארטראטען דורך פרעזידענט שלע־זינגער, וויים פרעזידענט ה. סקוהלמאן, ארגאנייזער י. גינזבורג, דער סעקרעטער פון לאקאל 100, ברודער מאקס בראדסקי, און א קאמיטע פון די ארבייטער.

די באלעבאטים זיינען געווען פאר־טראטען דורך מר. הערמאן ספיוואק, דער פרעזידענט פון דער דרעס מאנופעקטשו־רערס אסאסיאיישאן, און ליא לעבאווסקי און ס. נ. לאווענטהאל, די לאיערס פון דער אסס'ן.

דער גייסט אויפ'ן קאנפערענץ איז געווען א פריינדליכער און די פארהאנד־לונגען האבען געדויערט בלויז עטליכע שטונדען, מאנטאג אווענט, גלייך ווי פרעזידענט שלעזינגער איז אנגעקומען פון ניו יארק. דער קאנפערענץ איז פארגע־קומען אין „מאריסאן האטעל".

מאכט אייער אפאינט־מענט יעצט.

זיך צו טרעפען ביי דעם לאנג ערווארטעטען יוניטי באל, וועלכער וועט זיין דינסטאג אווענט, דעם 21טען פעברואר, וואשינגטאנ'ס געבורטס־טאג, אין סטאר קאסינא האל.

יוניטי, יוניטי, יוניטי!
בילעטען שוין צו באקומען אין די יוניאן אפיסעס פון דעם דזש באארד דרעס און ווייסט מייקערס יוניאן.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן

א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד, פון די לאקאלס 1, 3, 9, 10, 11, 17, 21, 23, 35, 45, 48, 64 און 82, איז אפגעהאלטען געווארען שבת, דעם 4טען פעברואר, אין 110 איסט 125טע סט.

טשערמאן: ברודער פינקאפסקי.

די פאלגענדע רעפרעזענטאנטען זיינען אבוועזענד:

לאקאל 1 — אווגער.
לאקאל 3 — שווארץ.
לאקאל 10 — קער און בערנשטיין.
לאקאל 17 — בעלסאן און סטאנקעוויטש.
לאקאל 21 — לעססער און ארטש.
לאקאל 23 — קאנאל, גרינבערג און גאלד.
לאקאל — 64 פרידמאן און אבערשטיין.
לאקאל 82 — לעווין און סאמסאן.
רוסיש-פוילישער ברענטש — ראוויץ.

דער באריכט פון די באארד איז דירעקטארס ווערט פארגעלעזען און גוט געהייסען.

קאמיטעס:

א קאמיטע באשטעהענדיג פון די גענאסען ליע, אוירווין, וואלארעק און ברודער בארא! פארלאנגען אז די קלאוקמאכער יוניאן זאל העלפען אוועקשטעלען די „ניו יארקער קאל" אויף א באזיס אז זי זאל זיך קענען אליין סופארטען. די קאמיטע ערקלערט אז דער קאנפערענץ פון אלע ניו יארקער יוניאנס וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען פאר דעם וואהלזיין פון דער אויבענדערמאנטער ציימונג, האט אנגענומען דריי פאלגענדע רעזאלוציעס:

1. די ניו יארקער טרייד יוניאן באוועגונג זאל זיין פארטראטען אין דער באארד און מענעדזשערס פון דער ציימונג.

2. די יוניאנס זאלען העלפען פארשפרייטען „די קאל" צווישען זייערע מעמבערס.

3. די מעמבערס פון די יוניאנס זאלען פאר דעם נעקסטען יאהר ארבייטען איין האלבע שטונדע פאר דער „קאל" און אזוי ארום פארזיכערען דעם עקזיסטענץ פון דער ציימונג.

די קאמיטע ערקלערט ווייטער, אז די „קאל" נויטיגט זיך באלד אין געלד, דארום זיינען זיי געצוואונגען צו פארלאנגען א לאון פון עטליכע טויזענד דאלאר.

דער פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צו די באארד אוו דירעקטארס.

א קאמיטע באשטעהענדיג פון ברודער קאגלין און שוועסטער ראבינס פון דער אמנעסטיע באוועגונג פאר פאליטישע פריזאנערס פארלאנגען אז דער דזשאינט באארד זאל העלפען באצאהלען די שולדען וועלכע די אמנעסטיע באוועגונג איז שולדיג געבליבען. די קאמיטע ערקלערט אז די קלאוקמאכער יוניאן איז געווען די ערשטע ארגאניזאציאן וועלכע האט געגעבען געלד פאר אנפאנגען די באוועגונג צו באפרייען גענאסע דעבס און די איבריגע פאליטישע פריזאנערס. די קאמיטע ערקלערט ווייטער אז די קלאוקמאכער יוניאן איז די ערשטע צו וועלכער זיי ווענדען זיך מיט דעם אויבענדערמאנטען פארלאנג.

דער פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צו דער פינאנץ קאמיטע.

צושריפטען.

לאקאל 1 און לאקאל 9 אינפארמירען אז זייערע עקזעקוטיוו באארדס זיינען פאר איין מיליאן דאלאר פאנד.

לאקאל 11 אינפארמירט אז זונטאג, דעם 5טען פעברואר, האבען זיי וואהלען פאר עקזעקוטיוו באארד מעמבערס, און דער לאקאל פארלאנגט אז דער דזשאינט באארד זאל שיקען צוויי רעפרעזענטאנטען וועלכע זאלען אויפפאסען אויף זייער עלעקשאן.

זייער פארלאנג ווערט באוויליגט און די ברידער ווייסמאן און גאלדין ווערען אפוינטעט.

לאקאל 17 אינפארמירט אז זייערע מעמבערס האבען גוט געהייסען א צוויי מיליאן דאלאר פאנד.

לאקאל 48 אינפארמירט, אז זיי האבען גוטגעהייסען די רעקאמענדיישאן פון דעם צוויי מיליאן דאלאר פאנד מיט די פאלגענדע מאדיפיקיישאנס: 1) איין מיליאן דאלאר פאנד זאל געזאמעלט ווערען ביז ענדע אפריל. 2) דער צווייטער מיליאן דאלאר זאל געזאמעלט ווערען צו פינף דאלאר א סיזאן, פאר פיער סיזאנס.

לאקאל 48 פארלאנגט אויך אז נאך א ביזנעס איידזשענט זאל אנגעשטעלט ווערען אין דעם אפיס. דער לאקאל באהויפטעט אז דורך דער צייט פון דזשענעראל סטרייק איז דער ברוקלין דיסטריקט פארגרעסערט געווארען מיט יוניאן שעפער און דארום איז נויטיג נאך א מענש.

דער פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צום דזשענעראל מענעדזשער.

פינאנץ קאמיטע באריכט.

די פינאנץ קאמיטע באריכטעט אז ברודער ראזענבלום, א קראנקער מעמבער פון לאקאל 1, האט זיך געווענדעט נאך פינאנציעלע שטיצע. דער ברודער, ערקלערט די קאמיטע, איז פאראליזירט און זיי שטיצען איהם שוין פאר די לעצטע עטליכע יאהר. די קאמיטע רעקאמענדירט אז דער ברודער זאל געשטיצט ווערען מיט 50 דאלאר.

די רעקאמענדיישאן ווערט גוט געהייסען.

די פינאנץ קאמיטע באריכטעט ווייטער אז די פאר נאגלערס יוניאן און די פעדרער סקול האבען ארייינגעשיקט טיקעטס, די ערשטע קערפערשאפט פאר 5 דאלאר און די צווייטע פאר 9 דאלאר, און זיי רעקאמענדירען צו שטיצען די ביידע אונטערנעמונגען.

די רעקאמענדיישאנס פון דער פינאנץ קאמיטע ווערען גוט געהייסען און מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

באארד אוו דירעקטארס באריכט.

קאמיטעס.

מ. אלוויט, א געוועזענער ארבייטער פון בלומענסאן'ס שאפ, פארלאנגט אז די באארד אוו דירעקטארס זאל איהם ערלויבען צו ארבייטען פאר דער אויבענדערמאנטער פירמע, וועלכע ערלויבעניש דער דאון טאון אפיס וויל איהם ניט געבען. דער ברודער ערקלערט, אז אין דער קלאגע וועלכע איז פארגעקומען פאר דער גריוועגס קאמיטע, אז דער שאפ ארבייט אין קארפאריישאן, איז ער ניט געווען איינגעשלאסען. ער ערקלערט ווייטער, אז ער האט נאך געארבייט אין שאפ א לאנגע צייט נאך דעם ווי די לייטע האבען פארלאזען דעם פלאץ, לויט דעם באשלוס פון דער גריוועגס קאמיטע.

נאך דעם ווי ברודער שארפ גיט אן ערקלערונג ווארום ער האט זיך ענטזאגט צו געבען דעם ברודער אן ערלויבניש, ווערט דער פארלאנג פון ברודער אלוויט איבערגעגעבען צום אפיס.

ל. בלומענסאן, וועלכער איז אן ארבייטער פון דעם זעלבען שאפ, און א ברודער צו דעם אייגענטימער פון דער פירמע, פארלאנגט אויך אז די באארד אוו דירעקטארס זאל איהם געבען ערלויבניש צו דער ארבייט ווייל דער דאון טאון אפיס ענטזאגט זיך איהם די ערלויבניש צו געבען. דער ברודער לייקענט ניט אז ער איז א מאל געווען א פארטנער צו דעם שאפ.

זיין פארלאנג ווערט צוריק געוויזען.

ברודער ראפאלאוויטש, א מעמבער פון לאקאל 17, וועלכער איז געווארען א קריפעל צוליב א סטרייק, ערקלערט אז ער איז צופרידען צו פאהרען אין יוראפ און ער פארלאנגט אז דער דזשאינט באארד זאל איהם געבען רייזע קאסטען.

דער פארלאנג ווערט איבערגעגעבען צו די דזשענעראל אפיסערס.

צושריפטען.

לאקאל 23 אינפארמירט, אז זייער עקזעקוטיוו באארד האט גוט געהייסען דאס איין מיליאן דאלאר זאל געזאמעלט ווערען דעם היינטיגען סיזאן; און דער אנדערער מיליאן דאלאר א סיזאן שפעטער.

מענעדזשער'ס באריכטען.

ברודער רובין באריכטעט אז די פירמע בענדלער האט ארונטערגעשיקט קאטער בעס נאך דעם ווי מען האט דעם ברודער געטראפען רויכערען אין פלאץ. די קייס וועט פארקומען פאר דעם אונפארטייאישען טשערמאן.

דזשענעראל מענעדזשער'ס באריכט.

ברודער פיינבערג באריכטעט, אז ער האט געהאט א קאנפערענץ מיט דעם מענעדזשער פון דער אמעריקאן אסאסיאיישאן און פון איהם פארלאנגט אז ער זאל ארייינשיקען די סעקיוריטי פאר זיינע מעמבערס, וועלכע סעקיוריטי ער האט צוריקגערופען בעפאר דעם דזשענעראל סטרייק.

אין באצוג דעם קאנטראל פון די אמעריקאן שעפער באריכטעט ברודער פיינבערג אז די שעפער וועלען יעצט נים קאנטראלירט ווערען פון קיין ספעציעלען דערפארטמענט; זיי וועלען קאנטראלירט ווערען לויט די דיסטריקטען.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ה. לאנגער, סעקרעטאר.

ברודער י. גאלדשטיין פון „אמאלגאמייטער" געשטארבען

ווען מיר געהען צום דרוק ווערט אונז געמעלדעט, אז גענאסע י. גאלדשטיין, איינער פון די בויער און פיהרער פון די אמאלגאמייטער, באקאנט ביי די שניידער אלס „אייק גאלדשטיין", איז זונטאג פארטאג געשטארבען. ברודער גאלדשטיין איז געווען איינער פון די טעטיגסטע מענשען אין די מענער שניידער יוניאנס פאר די לעצטע 20 יאהר. ער האט זיך גערעכנט צווישען די אנארכיסטען. ער איז נאך פון די ערשטע אידישע אנארכיסטען פון לאנדאן, ענגלאנד. ער האט געפונען פלאץ צו ארבייטען צווישען די שניידער, ארגאניזירען זיי און אויפקלערען זיי אפילו דאן ווען די גארמענט ווארקערס האבען געהאט צו זאגען איבער דעם מעגער שניידער טרייד.

די לעצטע צייט האט ער אנגעפאנגען צו ליידען פון א קאנסער, מען האט איהם צוגענומען אין א סאניטאריום, און זונטאג פארטאג איז ער געשטארבען. ער לאזט איבער א פרוי מיט דריי קינדער.

עהרע זיין אנדענקען!

רעזאלוציאן פון לאקאל 1.

מיר, די קלאוק אפערייטארס, פארזאמעלט אין מאנהעטען ליסעאום צו א ספעציעל מעמבער מיטינג פון לאקאל 1, דאנערשטאג, דעם 2טען פעברואר, נעמען אן פאלגענדע רעזאלוציאן:

אויסהערענדיג דעם רעפארט פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 1 פאר'ן יאהר 1921, וואס צייגט א גלענצענדע רעקארד פון אומערמידליכע ארבייט פאר די אינטערעס'ן, פון די קלאוקמאכער בכלל און אפערייטארס בפרט, און

נעמענדיג אין אנבעטראכט, אז די עקזעקוטיוו באארד האט דורכגעפיהרט וויכטיגע נעהענדע רעפארמען, וואס האט געצילט צו פארבעסערן די נויטען פון די מיטגלידער פון לאקאל 1.

באשליסען מיר אויסצודריקען די טיפסטע אנערקענונג פאר זייער קאמף אונטער די שווערסטע אומשטענדען פאר'ן וואוילזיין פון אלע ארבייטער פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאק. 1.

אה, אונזערע קריטיקער!

(כמעט א פעליטאן)

פון א טמעף רעפארטער.

עס איז א ביטערער רחמנות צו זעהן, ווי די „לינקע" ציימונגען ווערגען זיך מיט דעם זיג פון לעצטען קלאוקמאכער סטרייק. זאגט איין ציימונג, אז דעם סטרייק האבען געוואונען די ארבייטער אליין, דורך זייער פאראייניגטען כח, אהן די פיהרער, טענה'ט א צווייטע פונקט פארקעהרט — אז „די מאסען" האבען אין דעם סטרייק זיך קנאפ וואס באטייליגט, און — דאס די אינטערנעשאנאל „האט געוואונען דעם סטרייק פאר די קלאוקמאכער"...

דאן איז נאך איבערהויפט א פראגע, צו דער קלאוקמאכער סטרייק איז געווארען געוואונען; צי די קלאוקמאכער האבען איבערהויפט געהאט א זיג?...

וואלט די קאפיטאליסטישע פרעסע באהאנדעלט דעם גרויסען קלאוקמאכער זיג אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי דאס ווערט געמאן אין די „לינקע" ציימונגען, וואלט מען זיכער זאגען, אז די קאפיטאליסטישע פרעסע פארגינט נים די ארבייטער זייער גרויסען זיג איבער די באלעבאטים. אבער אויף די „לינקע" ציימונגען קען מען דאך אזוינס נים זאגען — שרייען זיי דאך מיט אלע כחות, אז זיי זיינען די סאמע איינציגע „ארבייטער-פריינד". היינט גיה זאג וועגען זיי אזעלכעס... טוען זיי דאך זייער בעסט צו באהאלטען, אז זיי פארגינען נים די קלאוקמאכער דעם זיג.

— איינס אבער איז זיכער: און דאס קאנען זיי נים באהאלטען — זיי פארגינען נים דעם זיג, וואס די יוניאן האט געהאט, דערמים, וואס איהרע פיהרער האבען אזוי טאקטיש און קלוג געפיהרט דעם איצטיגען סטרייק. דאס קען שוין יעדערער אנטאפען. עס איז פשוט א פארדרוס די פיהרער אזא זיג צו פארגינען. ווי פארגינט מען עס אזא זיג אזעלכע פיהרער, וועלכע האלטען נים אפילו פאר נויטיג זיך צו חנפה'נען צו די „לינקע" קנאקערס?...

איז אבער א צרה. אפילו דאס קענען זיי אויך נים אפען ארויסזאגען. זיי האבען איינפאך מורא פאר'ן צארן פון די גרויסע מאסען. מעשה שטן זיינען די קלאוקמאכער-מאסען דוקא מיט דעם זיג צופרידען, און זיי לאזען זיך נים-אנציהען פון קיינע „לינקע". און עס קען דא נים העלפען קיינע הינטישע שטיק.

געפינען זיך, נעבאך, די „לינקע" פייפערס אין א גרויסער פארלעגענהיים. מורא'ן זיי מיטטאנצען אין קאראהאד מיט די „בורזשואזע ציימונגען" און שרייען מיט איין האלבען מויל, אז דער סטרייק האט זיך געענדיגט מיט א זיג, און מיט דעם צווייטען האלבען מויל זיך חקירה'ן, ווער אייגענטליך עס האט דא געזיגט...

הייסט עס-אזוי: א זיג איז עס אפשר יע... מען דארף נאך אבער באשטימען, ווער עס האט געזיגט — די פיהרער צו די סטרייקער. ווארים אז ביידע, אי די פיהרער פון סטרייק, אי די סטרייקער גופא זאלען האבען געזיגט, איז שוין צופיל. דאס וואלט דאך מיינען, אז אין די קלאוקמאכער-רייהען איז חלילה דא הארמאניע... אז ס'איז שלום צווישען די פיהרער און די מאסען. און דאס איז דאך געווים א פארברעכען געגען פראגרעס, געגען די רררררעוואלוציאנערע צוטומעלטקיים...

איז אין דער „לינקער" פרעסע א גאנצער מיש-מאש איבער דעם קלאוקמאכער זיג. שרייט איינע פון יענע פייפערס, אז דער קלאוקמאכער קאמף איז געווען א סטרייק בלויז פון די פיהרער, אז די מאסען האבען זיך אין איהם כמעט גאר נים באטייליגט... וועהרענד א צווייטער פייפער שרייט פונקט פארקעהרט — דאס נאר זיי, די מאסען, האבען געסטרייקט, און דאס נאר זיי, די מאסען אליין, האבען דעם סטרייק געוואונען יענע ציימונג וויל אפילו נים צוגעבען, אז זיי, די פיהרער פון דעם סטרייק, האבען אין דעם זיג אויך א שטיקעל חלק... היינט גיה קלייב זיך דא פאנאנדער, ווער עס האט געסטרייקט, ווער עס האט געזיגט און ווער עס האט דעם סטרייק געוואונען!...

אבער דאס איז נאך נים אלעס — מיט דעם לעצטען זיג פון די קלאוקמאכער איז פארבונדען נאך א צרה — דער אינדזשאנקשאן געגען דער פראטעקטיוו אסס'ן. דאס איז שוין גאר אן אומגליק, א „קאנסערוואטיווער וואפען", מיט וועלכען נאר באלעבאטים מעגען זיך באנוצען געגען ארבייטער. איז די פראגע: ווער מען איז עס איינגעפאלען צו געהן אין קאורט צו א קאפיטאליסטישען ריכטער, א „בורזשוס", און ביי איהם פארלאנגען אן אינדזשאנקשאן געגען די באלעבאטים? ווער מען איז איינגעפאלען אזא „רעאקציאנערע" אידעע, די „רעוואלוציאנערע" מאסען אדער די „רעאקציאנערע" פיהרער?

איז אויך וועגען דעם אין דער „לינקער" פרעסע א גאנצער פלפול געווארען. האט איין ציימונג געשריבען, אז אן אינדזשאנקשאן געגען די באסעס קען אפשר זיין גוט, אבער עס איז טריף ווי חזיר און ארבייטער טארען זיך צו דעם נים צוריהרען, איז געקומען א צווייטע און געדרשנ'ט פונקט פארקעהרט: מעגען מעג מען, נאר עס טויג נישט!" און עס פארשטעהט זיך, אז יענע ציימונג האט גלייך „באוויזען", דאס ערשטענס וועט זיך נים געפינען א קאפיטאליסטישער ריכטער, וואס זאל אזא אינדזשאנקשאן ארויסגעבען. און טאמער וועט זיך אזא ריכטער יע געפינען, וועט עס אויך קיין ווירקונג נישט האבען אויפ'ן גאנג פון סטרייק. היינט, וואס טויג חזיר עסען, ווען דאס וועט סיי ווי איבער'ן מארדע נישט רינען?...

וואס ס'איז פון דעם אינדזשאנקשאן געווארען, און ווי די אלע „לינקע" פשט'על-מאכער האבען געטראפען מיט'ן פינגער אין הימעל, ווייסען שוין איצט אלע. אבער דער פלפול וועגען דעם, צי דער אינדזשאנקשאן האט געהאט א ווירקונג, געהט נאך אלץ אן.

און אויך וועגען דעם איז ביי זיי דא א חלוקי דעות. איין ציימונג זאגט, אז דער אינדזשאנקשאן האט „פאראליזירט" די איניציאטיווע פון די מאסען און, פאלגליך, איז דער סטרייק געוואונען געווארען נאר דורכ'ן אינדזשאנקשאן! זאגט א צווייטע פונקט פארקעהרט -- דאס דער גאנצער טומעל מיט'ן אינדזשאנקשאן האט קיין שום ווירקונג נים געהאט אויפ'ן גאנג פון סטרייק און דאס דער סטרייק איז געסעטעלט געווארען, נאר דורכ'ן כח פון די סטרייקער...

היינט גיה קלייב זיך דא פאנאנדער און דערגעה א מאלק. די פראגע, ווער עס האט דעם סטרייק געוואונען וועט שוין הפנים קיין מאל נים פארענטפערט ווערען...

די וואך

פון מאקס ד. דעניס.

מלחמה־„טענקס" אין קענטאקי.
[..]ענט ס'האט אויסגעשאסען דעם לעצ־[..]טען שאס פאר „דעמאקראטיע" מיט א־[..]ער צוויי יאהר צוריק, איז דער „טענק" [ק]ארפוס פון קענטאקי סטייט געבליבען [א]חן א שאס ארבייט, און די אויסגעבלאסענע ... ויף ארויסארבייטען זיך אויף דעריינגע ... יך צו לאמבער־קאנצען און העכערע ... ינען, זיינען געווען נאר הנאפע. בפרט ... ר ווען מ'האט אנגעהויבען ריידען וועגען [א]נטוואפענונג און נאך אזעלכע אומגליקען, ... מת, דאס זיינען בלויז געווען דברים [ב]טלים, אבער די טענק־העלדען פון קענ־[ט]אקי האבען געפיהלט, אז ס'איז אויס ... שמש נעהם און ווער א מענש ווי אלע [ג]עוועהנליכע מענשען.

אבער דער טענק קארפוס פון קענטאקי האט געפונען באשעפטיגונג. אמת, די מלחמה איז שוין לאנג פאריבער און [א]ויף אונזערע גרעניצען איז שלום ושלום, אבער מיר האבען דאך, ווי איהר ווייסט, [די] שטענדיגען „אינערליכען שונא", גע־[ג]ען וועמען מע דארף מאכען אפענסיוועס, ...לוציפרינע אטאקעס, א. א. וו. און דא קומען די טענקס שוין גאר צונוץ. די [ג]ענעראלען פון „אפען שאפ" פיהרען מלחמה, לויט דעם לעצטען ווארט פון דער [ק]ריגס־וויסענשאפט, און זיי ווייסען ווי אזוי צו באנוצען זיך מיט טענקס.

ס'קלינגט אפשר ווי אן אבסורדה, אבער ס'איז א פאקט. אין ניופארט, קענטאקי, געפינט זיך א גרויסע שטאל פאבריק, וואו די ארבייטער זיינען ארויס אין סטרייק אלס פראטעסט קעגען דער לוין־פארקלענערונג און יוניאן ברעכעריי. ווי ס'איז דער פאל אין יעדען גרויסען סטרייק, זיינען דארט פארבליבען עטליכע סקעבס, און כדי די עטליכע סקעבס צו „באשי־צען", האט דער גאווערנאר פון קענטאקי פארפליכטעט די נאציאנאלע גארד מיט [..]טרייק־קאמפאניען, וועלכע האבען אנגעהויבען פאטראלירען די שטאדט אזוי שנעל ווי זיי זיינען אהין אריין. א חוץ דער רעגולערער סטייט־מיליציע, האבען די רעגירונגס־משרתים פון די שטאל־מאג־נאטען אריבערגעשיקט נאך ניופארט דעם „טענק"־קארפוס צו העלפען דער מיליציע ברעכען דעם סטרייק און טעראריזירען די סטרייקער. ווען די טענק העלדען זיי־נען געקומען, האבען זיי באלד אנגעהויבען „פראטעקטירען"; געשאסען, באמבאר־דירט, אטאקירט — וואוהין ס'טרעפט זיך, אט ווי אין א „ווילד וועסט" מאווי. די שטאדט־באאמטע זיינען געוויס געווען גע־צוואונגען צו ווענדען זיך צום גאווערנאר, אז ער זאל פון דארטען אוועקנעהמען אט־די שומרים פון געזעץ און ארדנונג.

אלזא, די טעכניק פון מלחמה האל־טען געגען סטרייקערס מאכט פארטשריט. מע באנוצט זיך שוין מיט „טענקס". וואס איז נעקסט — לופט באמבעס אדער גיפט־גאזען, אדער פליסיגער פייער?

דער אייזענבאהן סטרייק אין דייטשלאנד.

בערלין און אלע אנדערע גרויסע שטעדט אין דייטשלאנד זיינען פאראליזירט. דער סטרייק האט אין בערלין אפגעשטעלט אלץ מיט אנאנדער, קיין זאך באוועגט זיך נישט, קיין זאך ארבייט נישט, ריהרט זיך נים פון ארט. ס'איז צום ערשטען מאל — זייט דער גענעראל סטרייק, וואס האט געבראכען דעם רוקען־ביין פון דעם מא־נארכיסטישען קאפ־אויפשטאנד — אז בערלין איז אזוי פאראליזירט. לופט־שי־פען און וויכטיגע טראקס האלטען אן די פארבינדונג צווישען דער הויפט־שטאדט און די קלענערע שטעדט; אבער די פאר־בינדונג איז אן ארימע, א נעבעכדיגע, א לעבערליך־הילפלאזע.

באלד נאך דעם, ווי ס'האט זיך אנ־געהויבען דער אייזענבאהן סטרייק, דעם 1טען פעברואר, האבען די שטאדט־אנ־געשטעלטע פון בערלין געפאלגט דעם ביי־שפיל פון די אייזענבאהנער, און זונטאג אין דער פריה, דעם 4טען פעברואר, איז די שטאדט מיט אמאל געבליבען אהן וואַ־סער, אהן עלעקטרישער באלייכטונג, אהן גאז און אהן טראמוויען (קארס). די רע־גירונג האט געפרואווט צו זעצען עטליכע באהנען אין באוועגונג דורך „פריוויליגע" סקעבס, אבער דאס האט זיך איהר נים איינגעגעבען, ווייל די לאקאמאטיוו איניזשענירען, די פייערלייט און אנדערע קוואליפיצירטע פאכען זיינען ארויס אין סטרייק ביז צו איין מאן, און קיינער האט זיי נישט געקאנט פארבייטען. דער פאר־קער איז אפגעשטעלט געווארען נישט נאר אין דעם בערלינער דיסטריקט, נאר אויך אין דעם רוהר, עססען און גרעבערפעלד גע־גענדען, אזוי גוט ווי אין זאקסען, לייפציג און דרעזדען.

דערווייל האבען אלע אנדערע ארביי־טער־יוניאנס זיך געשטעלט ענטשידען אנטקעגען די אייזענבאהן־סטרייקער. די אלגעמיינע פעדעראציע פון געווערקשאפ־טען (טרייד־יוניאנס) און די אויפטהוענ־גיגע ארגאניזאציעס האבען באלד גענומען, ווי דער סטרייק האט אויסגעבראכען, ארויסגעגעבען א געמיינשאפטליכע דעקלא־ראציע, אין וועלכער זיי פארדאמען די אייזענבאהנער־פעדעראציע, וואס זיי האבען גערופען דעם סטרייק אין מיטען פון די פארהאנדלונגען, וואס זייערע פארשטע־הער פיהרען מיט דער רעגירונג וועגען א שכירות־העכערונג. די דעקלאראציע ווייזט אן אויף די קאטאסטראפישע פאל־גען פון דעם סטרייק, אויף דעם חורבן, וואס ער פארשאפט אין לאנד — און דאס ערב דער גענוא־קאנפערענץ.

דער אולטימאטום, וואס די אייזענ־באהנער האבען געשטעלט דער רעגירונג, האט געפאדערט לוין־העכערונגען פון 18 ביז 20 פראצענט פאר באאמטע און פון 18 ביז 20 פאר די ארבייטער. ווען מע זאל די פאדערונגען נאכגעבען, וואלט דער יעהרליכער בודזשעט בארעכנט פארגרע־סערט ווערען אויף 50 ביז 60 ביליאן מארק. די לוין־העכערונג פון לעצטען אק־טאבער האט דעם בודזשעט פארגרעסערט אויף 16 מיליאן א יאהר. דעם 6טען יא־נואר האט די רעגירונג איינגעשטימט ווי־דער אויפצונעמען די אונטערהאנדלונגען וועגען שכירות. די אונטערהאנדלונגען האבען זיך אנגעהויבען דעם 28טען יאנו־אר און זיינען אפגעלייגט געווארען אויף דעם 1טען פעברואר, ווען די יוניאנס הא־בען פלוצים אוועקגעשטעלט די פאדערונג, אז מע דארף ווי באלד געבען א גינסטיגען ענטפער, האט די רעגירונג די פאדערונג נישט ערפילט, און דער סטרייק איז גע־רופען געווארען.

די באדייטונג פון דעם איצטיגען סטרייק קאן אם בעסטען סומירט ווערען ווי פאלגט: די אייזענבאהנער פון דייטש־לאנד, וועלכע זיינען איינענטליך רעגי־רונגס־אנגעשטעלטע, און די שטאדט־אר־בייטער האבען פאקטיש רעוואלטירט גע־גען דעם, וואס זייער לעבענס־נארמען (סטענדערד אוו ליווינג) זיינען נאך מעהר פארערגערט געווארען דורך די הויכע שטייערן, וואס זיינען ארויפגעלייגט גע־ווארען כדי צו באגעגענען די קאנטריבו־ציע־צאהלונגען. זיי מאכען א פארצוויי־פעלטען פרווו צו צווינגען די קאפי־טאליסטען צו צאהלען די קאנטריבוציע און ווי גוטען אוים יעדען מיטעל צו צווינ־גען די רעגירונג, אז זי זאל אזא קורס אנ־נעהמען.

א צוויי־בונד?

לעצטע וואך זיינען באנייט געווא־רען די פארזוכען צו גרינדען א בונד צווישען די קוילען גרעבער און די איי־זענבאהן ארבייטער פון אמעריקא, די צוויי גרעסטע ארבייטער גרופען אין לאנד. דזשאן ל. לואיס, פרעזידענט פון דער מיינערס יוניאן, האט איינגעלאדען די „קעפ" פון די 16 אייזענבאהן יוניאנס צו קאנפערירען מיט די מיינערס פאר'ן צוועק צוזאמען צו ברענגען די צוויי אר־גאניזאציעס אין איין בונד, כדי צו בא־קעמפען די אטאקעס אויף די עקזיסטי־רענדע וויידזש סקיילס.

„כדי צו באקעמפען די באמיהונגען פון געוויסע עלעמענטען, וואס זוכען צו דורכפיהרען ווייטערדיגע לוין פארקלענע־רונגען אויף די אייזענבאהנען און אין דער קוילען אינדוסטריע און כדי צו וועהרען זיך ערפאלגרייך געגען דער דא־זיגער היסטעריע", לויטעט דער סטייט־מענט, „זיינען די מיינערס וויליג צו פאראייניגען זייערע אינטערעסען מיט די אינטערעסען פון די אייזענבאהן אר־גאניזאציעס און שטעהן מיט זיי צוזא־מען אין דער ווידערשטאנד געגען די געפלאנטע אטאקעס אויף די וויידזש סקיילס".

די אבמאכונג צו שאפען א בונד צווישען די אייזענבאהנער און די מיי־נערס איז נים קיין נייע. זי האט זיך אנגעהויבען אויף דער מיינערס קאנווענ־שאן אין יאהר 1919, ווען ס'איז אפאינ־טעט געווארען א קאמיטע צו קאנפערי־רען מיט די הויפט באאמטע פון די „ביג פאור", די פיער גרעסטע יוניאנס אדער בראדערהודס פון דער אייזענבאהן אינדו־סטריע. אין יולי 1920 האט די קאמי־טע זיך צוזאמענגערעדט מיט די ברא־דערהוד משפט און ס'איז באשלאסען געווארען, אז דערווייל איז עס נים ראט־זאם צו שאפען אזא בונד. די מיינערס קאנווענשאן פון לעצטען סעפטעמבער האט אבער, טראץ דעם באריכט פון דער בונד־קאמיטע, אנגענומען א באשלוס, אז עס זאלען געמאכט ווערען ווייטערדיגע פארזוכען צו שאפען אזא בונד.

די אידעע פון א בונד צווישען די צוויי ארגאניזאציעס איז א געזונטע און א לאגישע. קיין אנדערע צוויי אינדו־סטריען זיינען ניט אזוי ענג פארבונדען ווי די אייזענבאהן און די קוילען אינדו־סטריען, און ווען די יוניאנס פון די ביידע אינדוסטריען וואלטען זיין ווי געהע־ריג פאראייניגט, וואלטען זיי געקאנט געווינען א סך מעהר ווי יעדע פון זיי באזונדער. זיי וואלטען א חוץ דעם גע־קאנט ווערען דער צענטראל פונקט פון דעם ווידערשטאנד פון די ארגאניזירטע אר־בייטער געגען די אנגריפען פון ארגאני־זירטען קאפיטאל אויף די שכירות און ארבייטס בעדינגונגען פון די ארבייטער מאסען אין אלע אינדוסטריען.

דאך דארף מען ניט זיין צו אפטי־מיסטיש וועגען די פראקטישע רעזולטא־טען פון די פארהאנדלונגען, וואס ווערען איצט אנגעפיהרט. ערשטענס, דארף מען געדענקען, האט זיך לואיס געווענדעט מיט זיין איינלאדונג בלויז צו די זעכצען אייזענבאהן יוניאנס, וואס שטעהען אונ־טער'ן „אייזענבאהן דעפארטמענט" פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר. די בראדערהודס, וואס געפינען זיך אוי־סער דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר האט מען נאך דערווייל ניט איינגעלאדען, וואס די טעמים זאלען דערביי ניט זיין. א חוץ דעם זיינען פא־ראן געוויסע שוועריגקייטען און שטרייטי־גונגען אפילו אין די ערשטע שטופען פון אזא בונד. די פראגע פון איינטיילען זיך מיט'ן איינפלוס האט אין דער פארגאנ־גענהייט צוברעכען מעהר ווי איין בונד אזא. דער דריי בונד (טריפל אליאנס) אין ענגלאנד איז דער טרויעריגסטער ביישפיל.

אבער א בונד צווישען די מיינערס און די אייזענבאהנער וואלט געהאט א גוואלדיגען איינפלוס אויף דעם שיקזאל פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועג־גונג, צי אזא בונד זאל געשאפען ווערען אויף שטענדיג, צי בלויז אלס א צייט־ווייליגער שריט, כדי צו באקעמפען די אלגעמיינע געפאהר. די סאמע אידעע פון אזא בונד ווייזט, אז דער געדאנק פון אחדות און סאלידאריטעט אין האנד־לונג וואקסט און פארשפרייט זיך אין די רייען פון דער אמעריקאנער ארביי־טער באוועגונג.

אמעריקע וועט פארבלייבען געשלאסען.

לויט דער כאראקטער פון די קאנ־גרעסלייט אין דעם איצטיגען רעפרעזענ־טאנטען הויז מעג מען גלויבען די בא־ריכטען, אז דער אימיגראציאנס געזעץ וואס ענדיגט זיך דעם 30טען יוני, וועט ווידער אמאל דורכגעפירט ווערען — דעם מאל אויף אן אומבאשטימטער צייט, ביז דער קאנגרעס וועט איהם אנ־ריקיחען.

אין א רעדע, וואס עס האט לעצטע וואך געהאלטען פאר דער נעשאנאל סי־וויק פעדערייזשאן, האט קאנגרעסמאן דזשאנסאן, טשערמאן פון דער הויז קא־מיטע אן אימיגרייזשאן, און דער הויפט פארטיידיגער פון די אימיגראציאנס גזירות, שטארק געלויבט דעם איצטיגען דריי פראצענט געזעץ, געמאכט צו קליי־נעלט די קלאגען וועגען די צרות, וואס דער געזעץ פארשאפט די אימיגראנטען און געשלאסען מיט דער שטיינענדער באמערקונג, אז „אפילו אין די בעסטע צייטען קאן אמעריקא ניט ארייננעמען, אסימילירען און באווארענען א מיליאן ענגליש שפרעכענדע אימיגראנטען".

מיר געהען ניט ווייטער. די דאזיגע באמערקונג איז כאראקטעריסטיש פאר דער אומוויסענהייט, טעמפקייט און שמאלזינניגקייט פון די „קליין אמערי־קאנער". אויב דאס לאנד קאן ניט אסי־מילירען און באווארענען קיין איין מיליאן ענגליש שפרעכענדע אימיגראנטען אפילו אין די בעסטע צייטען, ווי אזוי האט עס אייגענטליך פאסירט, אז אין דעם משך פון די לעצטע דרייסיג־פערציג יאהר האט אמעריקא ארייגענומען צעהנדלי־גער מיליאנען אימיגראנטען און ניט קיין ענגליש שפרעכענדע דערצו? די אימי־גראנטען האבען געגראבען די קאנאלען פון לאנד, געבויט די אייזענבאהנען, גע־שמאלצען די מעטאלען, געגראבען די קוילען, און דאך איז דאס לאנד געבלי־בען גאנץ, ניט ערגער אט ווי פאר דער אימיגראציע. נאך מעהר, טאקע אט די אימיגראנטען האבען ארגאניזירט מעכטי־גע יוניאנס, וואס האבען באקעמפט די אנגריפען פון ארגאניזירטען קאפיטאל אזוי גוט, אויב ניט בעסער, ווי פילע עכט אמעריקאנער ארבייטס גרופען.

אבער אויף דעם איצטיגען קאנגרעס האט לאגיק קיין שליטה ניט. די טירען פון אמעריקא וועלען בלייבען געשלאסען. די בעסטע טראדיציע פון אמעריקא וועט באגראבען ווערען אויף שטענדיג. אזוי קוקט עס אויס דערווייל.

א פאר ווערטער צו די פרעסערס פון דער דרעס און וויסט אינדוסטריע

פריינדע! עס איז געקומען די צייט, דאס מיר זאלען זיך דורכריידען וועגען יעצטיגען צושטאנד פון אונזער טרייד. נאכדעם ווי די „פראספעריטי" איז אוועק, ווען אונזערע פרעסערס האבען פארדינט סיי אין די יוניאן שעפער, סיי אין די נים־יוניאן שעפער גרויסע ווי־דזשעס, דאן האבען מיר פארגעסען דאס עס איז בלויז צייטווייליג. און די פרע־סערס וועלכע ארבייטען אין די שעפער, וועלכע זיינען נים אונטער דעם קאנט־ראל פון דער יוניאן האבען נים אויסגע־נוצט דיזע צייט אום צו ברענגען די שע־פער אונטער דער קאנטראל פון דער יו־ניאן. און יעצט, ווען דער קריזיס איז געקומען און אויך אנגעגריפען אונזער אינדוסטריע האבען די בעלי־בתים אנ־געהויבען ארונטערדריקען די פרייזען אין די נים־יוניאן שעפער. דאס האט אויך פיל שווערער געמאכט אנצוהאלטען די פרייזען אין די יוניאן שעפער.

די יוניאן האט געפיהלט פון וואנען דיזער איבעל נעמט זיך. אבער די צייט איז נים געווען גינסטיג אום עטוואס זאל געטאן ווערען פאר דיזע שעפער וועלכע זיינען אויסער איהר קאנטראל.

די פרעסערס, פאר זיך, האבען אויך איינגעזעהן, דאס זיי האבען געמאכט א טעות מיט דעם וואס זיי האבען נים אויסגענוצט דעם גינסטיגען מאמענט, כדי זיך צו פארזיכערען דאס זייערע פארדינסטען זאלען נים ארונטערגעריס־סען ווערען ביי דער קלענסטער געלע־גענהייט: זיי האבען אויך פארשטאנען, דאס די צייט איז געווען נים גינסטיג און זיי האבען הילפלאז געמוזט אנ־נעמען די פרייזען וועלכע דער בעל־הבית האט זיי געצאהלט אום נים צו פארלירען די געלעגענהייטען עטוואס צו פארדינען.

איך גלויב, דאס די פארגאנגענע צייט האט אייך געלערענט דעם לעסאן. און ווייל די יוניאן רעכענט, דאס איצט איז דער גינסטיגער מאמענט, האט זי אנגעפאנגען א קאמפיין צו ארגאניזירען אלע שעפער, וועלכע זיינען נאך אויסער איהר קאנטראל, דעריבער פאדער איך אייך אויף נים צו פארפעלען דיזען מא־מענט וועלכער איז פאר אייערע אייגע־נע אינטערעסען, און אויך פאר די אינ־טערעסען פון די וואס ארבייטען אין די יוניאן שעפער און שטעלען זיך אין די ערשטע רייען און העלפען ארגאניזירען אייער שאפ.

עס זיינען פאראן צווישען אייך איי־ניגע, וועלכע האבען צוליב מיספאר־שטענדניס פארלאזען די יוניאן, אבער יעצט איז נים די צייט זיך צו רעכענען מיט דעם. עס איז אייער ארגאניזאציאן און איהר קענט אלעמאל קריגען וואס אייך קומט. די בעלי־בתים דארפען פון דעם נים פראפיטירען.

נאך א פאר ווערטער צו די וואס ארבייטען אין די יוניאן שעפער:

פריינדע! איהר ווייסט וויפיל איהר מוזט אויסשטעהן פון אייערע בעלי־בתים ווען איהר ווילט נים נאר טרייען קריגען עטוואס מעהר, נאר אנהאלטען דאס וואס איהר קריגט. ווען זיי צייגען אייך אן אויף דעם נים־יוניאן שאפ, וועלכער האט אייך ארומגערינגעלט, און רייסט ארונטער אייערע פרייזען און איהר פאר־לירט דאס ביסעל ארבייט פון שאפ. און אין פארצווייפלונג לאזט איהר אויך ארונטער די פרייזען, כאטש איהר ווייסט אז דאס רואינירט אייער געזונט און איי־ער ברויט, נאר איהר פרעגט מיך וואס טוט מען? און יעצט קום איך צו אייך און רוף אייך: טוט אייער פליכט צו זיך און צו אייער פאמיליע; שטעלט זיך אין די רייהען פון דער ארגאניזא־ציאנס קאמיטע! אונזער יוניאן האט אונטערנומען צו ארגאניזירען דיזע אפען שעפער. קומט אלע אין דער פריה, אום 7 אוהר אין לייבאר טעמפעל, 14טע סט. און סעקאנד עוועניו, וואו מען וועט אייך זאגען וואס איהר קאנט טאן צו העל־פען ארגאניזירען די נים־יוניאן שעפער אין טרייד.

מיט פריינדליכען גרוס,

ג. שעכטער,

מענעדזשער לאקאל 60.

ריפער מאכער לאקאל 17, אויפמערקזאם!

ערשטע נאמינייש אנס פאר באאמטע פון לאקאל 17 איז געווען דאנערשטאג, דעם 9טען פעברואר. די צווייטע נאמי־ניישאנס וועלען פארקומען נעקסטען דאנ־נערשטאג, דעם 16טען, ביים מיטינג פון דעם לאקאל.

זאלען די מיטגלידער קומען אין גרויסע מאסען צו דעם מיטינג און נאמי־נירען די בעסטע מענשען פון דעם לא־קאל פאר די עמטער וואס דארפען אויס־געפילט ווערען.

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

אין ארבייטער אוניווערזיטעט, וואשינגטאן אירווינג הײ סקול.

שבת, דעם 11טען פעברואר:

אום 1:30 מיטאג צייט — „ערנאר עלען פאו". לעהרער ב. י. סטאלפער.

אום 2 אוהר — „ווי אזוי ווירדושעס און פרייזען האבען געשטיגען דורך דער צייט פון מלחמה". לעהרער, דר. לעא וואלמאן.

אום 2:30 — „די סעטעלמענטס פון ווירדושדיספיוטס". לעהרער, א. ל. ווילבערט.

זונטאג, דעם 12טען פעברואר:

אום 10:30 אין דער פריה — פראפעסאר אירווין ערמאן, פון קאלאמביא אוניווערזיטעט, וועט ריידען איבער זיין בוך, „מענשליכע כאראקטערשטריכען און זייער סאציאלע באדייטונגען.

אום 11 אוהר — „די סאציאלע און אינדוסטריעלע געשיכטע פון אמעריקא". לעהרער, דר. ה. י. קארמאן.

אום 11:30 — די רעדנער־שולע. לעהרער, ג. פ. שולטז.

אין די יוניטי סענטערס.

מאנטאג אווענט, דעם 13טען פעברואר:

לינקאלנ'ס געבורטס־טאג. די קלאסען וועלען זיין געשלאסען.

דינסטאג אווענט, דעם 14טען פעברואר:

אין וויסטמאכער יוניטי סענטער: „די ארגאניזאציע פון דר אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן". לעהרער, מאקס לעווין.

דריטער בראנקס יוניטי סענטער: „ספעציעלע פראבלעמען אין דער אינדוסטריע". לעהרער, מיס טערעזא וואלפסאן.

ערשטער בראנקס יוניטי סענטער: „לאנד אייגענטום און די ארבייטער". לעהרער, סאלאן רעליאן.

איסט סייד יוניטי סענטער: קערפערליכע איבונגען. מיר איווא קאהן, דירעקטאר.

פרייטאג אווענט, דעם 17טען פעברואר:

אין בראנזוויל יוניטי סענטער: „פסיכאלאגיע — דאס ריכטיגע געברויך פון פארשטאנד". לעהרער, מיס מארגארעט דעניעלס.

עקסטענשאן קלאסען.

אין אנפאנג פון דעם איצטיגען עדיוקיישאנאל סיזאן האבען מיר געהאט אויסגעארבייט פלענער, דאס דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט זאל אויסברייטען זיינע קלאסען אין פארשיידענע געגענדען פון שטאדט. דער פלאן איז געווען, עס זאל געגעבען ווערען לעסאנס, און עס זאל אויך פארקומען דיסקוסיעס איבער די וויכטיגע פראבלעמען אין אונזער אינדוסטריע, און איבער די פראגע פון אונזער יוניאן. אזעלכע לעסאנס און דיסקוסיעס האבען געזאלט געגעבען ווערען אין אידיש, ענגליש און איטאליעניש, אין די אפיסעס פון אונזערע פארשיידענע לאקאל יוניאנס. אראנזשמענטס זיינען דעמאלט געמאכט געווארען, דאס א חוץ די לעהרער פון אונזערע קלאסען, זאל פרעזידענט שלעזינגער, און די אנדערע באאמטע פון אונזער אינטערנעשאנאל אזוי גוט ווי די באאמטע פון אונזער דזשאינט באארדס, זאלען איינטיילען די דיסקוסיעס. מיר האבען געהאפט, אז די לעסאנס און די דיסקוסיעס וועלען געבען אונזערע מיטגלידער ביידעס, טעארעטישע און פראקטישע וויסען, צו קענען בעסער פארשטעהן די פראבלעמען פון אונזער אינדוסטריע.

איז אבער אנגעקומען דער קלאוק־מאכער סטרייק און האט צושטערט אט דעם פלאן פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. אונזערע מיטגלידער זיינען געווען פארנומען מיט דעם קאמף, און מיר האבען די „עקסטענשאן"־קלאסען נים געקענט אנפאנגען.

איצט נעהמט זיך דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט דורכפיהרען דעם פלאן, און סירציליך וועלען מיר קענען געבען וועגען דעם מעהר איינצעלהייטען. זאלען דערווייל אונזערע מיטגלידער זיך גרייטען צו באטייליגען זיך אין די קלאסען; זאלען זיי גרייט זיין זיך אנצושליסען גלייך ווי די קלאסען וועלען געעפענט ווערען.

די אפען פארום מיטינגען.

די אפען פארום דיסקוסיאנס פארזאמלונגען פון אונזער אינטערנעשאנאל, וואס קומען איצט פאר יעדען פרייטאג אווענט אין אן אנדער קווארטאל, זיינען געפלאנט געווארען פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט גלייך ביים אנפאנג פון דעם איצטיגען עדיוקיישאנאל סיזאן. צוליב דעם גרויסען קלאוקמאכער סטרייק האבען דיזע פארזאמלונגען פריהער נים געקאנט געהאלטען ווערען. איצט, אבער, ווערט אזא דיסקוסיאנס פארזאמלונג אפגעהאלטען יעדען פרייטאג אווענט און דיזע פארזאמלונגען זיינען א גרויסער ערפאלג.

אונזערע מיטגלידער האבען די מיטינגען אויפגענומען מיט גרויס צופריעדענהייט. די פארזאמלונגען ווערען זעהר גוט באזוכט און דער עולם באציהט זיך צו דעם מיט'ן גרעסטען ערנסט. עס איז א פארגעניגען צו זעהן, מיט וועלכען אינטערעס דיזע פארזאמלונגען זיינען אויפגענומען געווארען פון אונזערע מיטגלידער, און ווי אויפריכטיג זיי באציהען זיך צו די דיסקוסיעס.

א פאר פארשפעטיגטע באריכטען.

ביי א מיטינג פון אלע סטרייקער פון ברוקלין, אפגעהאלטען דעם 20טען יאנואר 1922, איז באריכטעט געווארען, דאס בר. י. סטיין, וועלכער האט געסטרייקט מיט ראזענפעלד בראס. שאפ, איז געשטארבען. דער מיטינג דריקט אוים באדויערען צו דיזען טרויעריגען צופאל, און אזוי ווי די פאמיליע זיינע איז געבליבען אין גרויס נויט, איז א קאלעקשאן גלייך אויפ'ן פלאץ געמאכט געווארען וואס האט ארייגעבראכט די סומע פון 67.26 דאלאר און דאס געלט איז גלייך איבערגעגעבען געווארען דער אלמנה.

ביי א מיטינג פון די סטרייקערס פון ברוקלין, אפגעהאלטען מיטוואך, דעם 18־טען יאנואר, אויסהערענדיג א באריכט פון דעם ערפאלגרייכען אויסגאנג פון סטרייק און דעם וואונדערליכען זיג וואס מיר האבען געהאט איבער די בעלי בתים, באשליסט דער מיטינג איינשטימיג אויסצודריקען א דאנק צו בר. שלעזינגער, צו דער סטרייק קאמיטע בכלל און צו די סטרייק פיהרער פון ברוקלין בפרט פאר די גוטע, וואונדערבארע ארבייט, וואס זיי האבען געלייסטעט, העלפענדיג יעדערער לויט זיינע פעהיגקייטען און כוחות, אז דיזער סטרייק זאל זיך ענדיגען מיט אן אנטשיידענעם זיג פאר די סטרייקער.

דזשאו ראש, לאק. 10, טשערמאן;
מ. ברײנדעל, לאק. 23, סעקרעטער.

וואלען ביי די רייןקאוטמאכער לאקאל 20.

דעם שבת, דעם 11טען פעברואר, וועט פארקומען וואהלען פאר באאמטע פון די רייןקאוטמאכער יוניאן, לאקאל 20. שטימען וועט מען אין אפיס פון דער יוניאן, 22 וועסט 17טע סט. מען וועט קענען שטימען פון 10 אין דער פריה ביז 5 נאכמיטאג.

זאלען די מיטגלידער פון דעם לאקאל קומען זיך באטייליגען אין די וואהלען.

קיין רעפערענדום.

דער דזשאינט באארד דרעס און וויסט מייקערס יוניאן האט גוטגעהייסען די רעקאמענדיישאן פון דער יוניטי הויז קאמיטע, דאס דער גאנצער פראפיט וואס דער ארראנזשירטער באל, וואס איז פארגעשטאלט געווארען פאר דינסטאג אווענט וואשינגטאנ'ס געבורטסטאג, אין ניו סטאר קאסינא, זאל ביינעשטייערט ווערען פאר די הונגער ליידענדע אין רוסלאנד. דאס מיינט ניט, אז די מעמבערס האבען נים קיין רעכט צו פארערען, דאס א רעפערענדום זאל גענומען ווערען. נעמענדיג אין אנבאטראכט די קורצע צייט, וואס איז פארבליבען צום באל, ד. ה. דעם 21טען פעברואר, דארום ראטען מיר אלע פריינט פון „יוניטי" זיך גלייך פארזארגען מיט טיקעטס, וועלכע איז צו באקומען אין אלע יוניאן אפיסעס פון דזשאינט באארד דרעס און וויסט מייקערס יוניאן, ווי אויך אין די אפיסעס פון לאקאלס 10, 22, 60 און 62. טיקעטס קאסטען יעצט בלויז 50 סענט א טיקעט. אין טאג פון באל 75 סענט.

דער רעזולטאט פון די וואהלען אין לאק. 23

פון ה. וואנדער.

לעצטען שבת זיינען פארגעקומען די וואהלען פאר לאקאלע באאמטע אין לאקאל 23 און פאלגענדע זיינען ערוועהלט געווארען: פאר מענעדזשער, ה. וואנדער; פאר טרעסטיס, שפילמאן, לינר און בעלינסאן; אין דער רעליף קאמיטע, פרימער, מארגאליס און קאגעל; פאר עקזעקוטיוו באארד מעמבערס, ל. פינקאווסקי, עטקין, בושקין, האבער, היימאן, ווײנשטיין, ג. מארגאליס, טש. מארגוליס, קעלער, ס. קאפלאן, בוכמאן, בארנשטיין, גרינבערג, ה. מילער, צוקער, פרידמאן, קאגעל, פרידמאן, קאפף, שויב און קאהן.

מיר ווילען זיך אפשטעלען אויף דעם רעזולטאט פון דיזע וואהלען ניט דאפיר ווייל וואהלען זיינען ביי אונז א נייעס, מיר האבען וואהלען יעדען יאהר. דיזע וואהלען האבען באוויזען עטוואס וואס עס לוינט זיך ארומצורײדען און קלאר ווערען, נעמליך, צי איז דא פלאץ אין אונזער יוניאן פאר צווייערליי פאליסים און צי די רענק און פייל זיינען גענייגט אריינצולאזען אין דער יוניאן עטוואס, וואס וואלט געשטעלט אין געפאהר די עקזיסטענץ פון דער יוניאן און במילא אויך די יוניאן קאנדישאנס, וועלכע יעדער איינער געניסט היינט צו טאג אין שאפ אלס ארבייטער און אלס יוניאן־מאן.

די וואהלען דעם יאהר זיינען ביי אונז אן אויסנאמע פון די ביז איצטיגע וואהלען אט אין מיט וואס: ביי אלע פריהעריגע וואהלען אין אונזער לאקאל איז קיין מאל נים געווען קיין פראגע פון פארטייען, עס האט קיין מאל נים עקזיסטירט קיין „מיר" און „זיי". פארשיידענע מעמבערס זיינען נאמינירט געווארען פאר די פארשיידענע עמטער און יעדער קאנדידאט איז באטראכט געווארען לויט זיינע אדער איהרע פעהיגקייטען און איבערגעבענהייט צו טאן די ארביים פאר דער יוניאן.

היינטיגען מאל איז געווען גאנץ אנדערש. א קאמפיין איז אנגעפיהרט געווארען פון א זאגענאנטער „שאפ דעלעגאטען ליג", וועלכע האט צוזאמענגעשטעלט גאנצע גליקען אויב נאר די קאנדידאטען, אינדארסירט ביי דער „ליג" וועלען ערוועהלט ווערען. גאנצע פעק מיט פארשיידענע ליפלעטס זיינען פארטיילט געווארען בעפאר עלעקשאן. פארשטעהט זיך, אז קיין זידלערייען האט דארט נים געפעלט אויף אלע אלטע באאמטע.

דעם טאג פון עלעקשאן האבען די „ליג מענשען" אפגעשטעלט יעדען וואס איז געקומען שטימען און האבען אגיטירט פאר זייערע קאנדידאטען. סלייטס מיט די נעמען פון זייערע קאנדידאטען זיינען פארטיילט געווארען אין די הונדערטער! אבער דער רעזולטאט איז, דאס נים נאר האבען זיי נים ערוועהלט קיין איינעם פון זייערע נייע קאנדידאטען, נאר זיי האבען נאך פארלארען איינעם פון דער אלטער עקזעקוטיווע, וועלכער איז געווען איינער פון זייערע לייט.

וואס צייגט דאס? דאס צייגט, אז די רענק און פייל פון אונזער לאקאל וויל נים וויסען פון קיין פארטייען און פארטייאלאך אין דער יוניאן. זיי פארשטעהען, אז די יוניאן דארף זיין א גאנצע, מיט א פאליסי, וועלכע זאל פירען דערצו, אז די יוניאן זאל ווערען שטארקער און נים אפגעשוואכט ווערען דערפון, וואס איין גרופע וועט ציען אין איין ריכטונג און א צווייטע גרופע וועט ציהען אין אן אנדער ריכטונג, מאכט נים אוים וואס פאר א הויך קלינגענדיגע נעמען זיי זאלען זיך נים רופען און וואס פאר א פראזען זיי זאלען נים געברויכען.

די גרויסע מעבערשיפ אונזערע פארשטעהט, אז א „רעלעגאטען ליג" קאן זייער לאגע נים פארבעסערען און זיי קוקען מיט פארדאכט אויף זייער אקטיוויטעט. די לעצטע וואהלען אין אונזער לאקאל האבען דאס באוויזען. און דאס דארף זיין א גוטער לעסאן פאר די זאגענאנטע „מענשען רעטער" אין אונזער יוניאן זיך צו איבערצייגען, אז די סלאוק און סקוירט מאכער זיינען שוין דערוואקסען גענוג, זיי זאלען זיך נים צוהערען און גלויבען דאס וואס די פאסקווילען שרייבער זאגען אויף די אקטיווע פירער און מעמבערס פון דער יוניאן.

מיר ווילען דא נים פארשטאנען ווערען שלעכט. מיט דעם אלעמען מיינען מיר נים צו זאגען, אז אלע, וועלכע באלאנגען אין דער יוניאן דארפען האבען איין מיינונג אדער מוזען איינפארשטאנען זיין מיט אלעס. ניין, מיר גלויבען נים אזוי, מיר גלויבען, אז מיינונגס פארשיידענהייטען זיינען נאטירליך, און גע קריטיק איז גוט, מאכט ני טאוים אויף מיר גלויבען, אז עהרליכע און אויפריכטיווע די קריטיק איז נעצילט. עס איז אבער אן אונטערשייד צווישען קריטיק און באשמוצען. קריטיק קאן מען ענטפערען, פארלוימדונגען איז די בעסטע זאך צו איגנארירען, ווייל די לייטע באהאלטען זיך און האבען נים קיין מיט צו זאגען וועה זיי זיינען.

איבערהויפט איז די לעצטע צייט אויף אונזער נאס געווארען הפקר פעטרישקע, וועלכע רופט זיך נאטירליכער ווייזע אפ אויך אין אונזער יוניאן, און יעדער וואס קאן נאר ספענדען א דאלער צו האבען געפרינטעט סירקולארס, האלט עס פאר א מצוה צו טאן, נים נאר אין צייט פון עלעקשאן, נאר אויך א גאנץ יאהר. און וואס מער איינער אדער א גרופע קאן אנפאטשקען שמוץ אונטער דעם מאנטעל פון רעוואלוציע, ווערט עס געטאן. קיין פאראנטווארטליכקייט איז ניטא. און אט דיזע לייטע האבען זיך דאס אונטערגענומען צו ברענגען די סאציאלע רעוואלוציע אין אמעריקע, אין רוקא מיט די שניידערס, קיין וויכטיגערע אינדוסטריע עקזיסטירט נים פאר זיי. און זאל איינער זאגען, אז ער גלויבט נים, אז די רעוואלוציע דארף אדער קאן זיך אנפאנגען מיט די שניידער פאכען, אז עס איז דא אנדערע מעהר וויכטיגערע אינדוסטריעס, ווי אייזען ארבייטער, רעילראוד ארבייטער, קוילען גרעבער. א. אז. וו., וועלכע זיינען נאך ווייט הינטערשטעליג אין פארגלייך מיט די ארבייטער פון די נאדעל אינדוסטריעס. אויב עפעס דארף געטאן ווערען, דארף מען ערשט אט די אלע ארבייטער מאכען פאר מעהר קלאסען באוואוסט, פאר סאציאליסטען, — דאן ווערט איהר אנגערופען מיט פארשיידענע נעמען. און אויך דאס הייסט ביי זיי קריטיק.

איין זאך איז זיכער, אז אונזער רענק און פייל מעמבערס פארשטעהען בעסער פון די זעלבסטגעקרוינטע מענשען רעטער, וואס מען קאן דערגרייכען אונטער די אומשטענדען און וואס נים, און דערפאר קערען זיי זיך אפ און הערען זיך נים צו צו די אלע פארלוימדונגען, ווי די לעצטע וואהלען אין אונזער לאקאל האבען עס באוויזען.

וואס איז עקס־לאקס?

עקס־לאקס איז איינע פון די וויכטיגסטע ערפינדונגען פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט. דאס איז א משאקאלאד־קענדי, וועלכעס רעגולירט דעם מאגען און פארנעהמט דעם פלאץ פון קאסטאר־איל, ביטער־זאלץ, רובארבער, ביטער־וואסער, לאקריץ פאודער, באצוקערטע אדער געפארבטע פיללען, און נאך פילע אנדערע אלט־מאדישע אפפיהר־מיטלען פאר וועלכע יעדער מאן, פרוי אדער קינד פלעגען זיך אפשרעקען.

עקס־לאקס איז א טשאקאלאד דורך און דורך. עס איז געשמאק אין טעם און ווירקט געלאסען און נאטירליך געגען אלע פארמען פון מאגען־פארשטאפונג, אהן שמערצען אדער קרעמפפען.

טרייעט א באקס היינט און איבערצייגט אייך.

10, 25 און 50ס. א באקס, אין אלע דראג־סטארס.

מיטינג פון דושאבערס גראופ אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע

עס איז אפגעהאלטען געווארען א מי־טינג פון דושאבערס באארד פון דער דרעס און ווייסט מייקערס יוניאן, דעם 25טען יאנואר, אונטער'ן פארזיץ פון ברודער ה. בערלין.

פראטאקאלען פון לעצטען מיטינג גוט־געהייסען.

ס'ווערט איינגענומען דער באריכט פון דעם באארד אוו דירעקטארס, וועל־כער לויטעט ווי פאלגט:

דאס דער פארלאנג פון איזידאר הא־רעלסאן איהם צו ערלויבען ארויפנעהן ארבייטען צו הארעלסאן און זארעצקי'ס שאפ איז צוריקגעוויזען געווארען, סיידען די פירמע וועט נעהמען צוריק צו דער ארבייט אויך די איבעריגע ארבייטער.

דאס די 300 דאלאר, וואס דער אפיס האט איינגעמאהנט, פאר וועלכע ניין אפ־רייטארס האבען געארבייט ביי דער סענ־טשורי קאסטום קא., זאל איינגעטיילט ווערען ווי פאלגט: צו די פיר אפריי־טארס, וועלכע זיינען געווען ווייניג צו סטרייקען, זאל געגעבען ווערען צו 50 דא־לאר יעדען איינעם און צו די איבעריגע פינף, וועלכע האבען זיך ענטזאגט צו סטרייקען, זאל געגעבען ווערען 20 דא־לאר יעדערען.

ראזו פיינערמאן קאמפליינט געגען דער פירמע ריקעס און בלאק, וועלכע האט זיך געמאכט א מארע אפצוהאלטען אן ארבייטער צוויי וואכען און גלייך צו די צוויי וואכען שיקט ער איהם אוועק. אזוי האט די פירמע געטאן מיט איהר, און אזוי אויך מיט אנדערע. פילע מיט־גלידער פון דעם באארד אוו דירעקטארס באשטעטיגען עס. דער באארד האט בא־שלאסען, אז א ספעציעלער מיטינג פון דעם שאפ זאל גערופען ווערען און מען זאל יסטרענג ערקלעהרען די ארבייטער, וועלכע העלפען דער פירמע אין דער דא־זיגער ארבייט, אז די יוניאן וועט עס ניט דולדען.

מענעדזשער האלפערין באריכטעט, אז דער מיטינג פון 19טען יאנואר אין וועב־סטער האל איז געווען א גרויסער ערפאלג. דער מיטינג איז פארזיצט געווארען פון שלעזינגער, בארא, האלפערין, האכמאן און אנטאניני, נאכדעם ווי מען האט פאר דעם מיטינג ערקלעהרט די שטעלונג, וואס דער דושאבערס באארד האט גענומען צו די פאדערונגען פון די דרעס און ווייסט־מאנופעקטשורערס, האט דער מיטינג בא־שלאסען גוטצוהייסען די שטעלונג. אויף דעם אפיל פון די רעדנער, אז די מיט־גלידער זאלען העלפען ארגאניזירען די ניט יוניאן־שעפער, האבען זיך א סך מיט־גלידער אפגערופען און האבען גענומען די סירקולארס צו צוטיילען וואס איז געווען צוגעגרייט פון דער ארגאניזיישאן קא־מיטע.

ברודער האלפערין באריכטעט ווייט־ער, דאס ביי א מיטינג פון דער ארגא־ניזיישאן קאמיטע, אפגעהאלטען שבת, דעם 21טען יאנואר, איז באשלאסען גע־ווארען, אז דער ארגאניזיישאן קאמפיין זאל זיך אנהויבען אין דער וואך פון דעם 30טען יאנואר.

צום שלוס רעקאמענדירט ברודער האלפערין, אז מען זאל זעהן, דאס אלע מעמבערס זאלען גוטשטעהענד ווערען און אז ביז דעם 10טען פעברואר זאלען אלע אונזערע מעמבערס מוזען האבען נייע ווארקינג קארדס.

ברודער האלפערין האט אויך רעקא־מענדירט, אז א באזונדער מיטינג זאל ארגאנזירט ווערען פאר די שווארצע, וועלכע ארבייטען אין אונזערע שעפער.

* * *

דער באארד אוו דירעקטארס האט באשלאסען צו שטיצען דער סענטראל בא־ריס פאר אמנעסטיע מיט 50 דאלאר. ווע־גען דעם פארלאנג פון דער „פאליטיקעל פריזאנערס רעפענס קאמיטע", איז בא־שלאסען געווארען, אז א קאמיטע זאל פריהער אונטערזוכען און אריינברענגען א באריכט צום נעקסטען מיטינג.

וועגען דער רעזיגניישאן פון ברו־דער עסענפעלד ווערט רעקאמענדירט, אז עס זאל פארלאנגט ווערען פון לאקאל 25 זיי זאלען אריינשיקען א צווייטען, וועל־כער זאל פארנעהמען עסענפעלד'ס פלאץ. אויך איז באשלאסען געווארען, אז לאקאל 22 זאל געבעטען ווערען אריינצושיקען נאך א ביזנעס אידזשענט צו אויספילען זייער פוזאטא.

די אפיל קאמיטע באריכטעט דאס פאלגענדע:

א. האפערמאן פון לאקאל 25 אפע־לירט געגען דער ענטשיידונג פון דער גרי־וואנס קאמיטע, וועלכע האט איהם שטרא־פירט, אז ער זאל פארלאזען דעם שאפ. די קלאגע געגען איהם איז, אז ער האט פארבראכען געגען די יוניאן־געזעצען אין פילע פאלען און אז בכלל פיהרט ער זיך ניט אויף ווי א יוניאן־מאן.

די אפיל קאמיטע האט פארלייכטערט זיין שטראף. זי האט באשלאסען צו בא־שטראפען איהם מיט 25 דאלאר, אבער איהם געגעבען די ערלויבניש צו בלייבען ארבייטען.

דזשאזעף האראוויץ, מיטגליד פון לאקאל 10, אין קליוולענדער יוניאן, און ג. האלפערין, אויך פון לאקאל 10, אפעלי־רען געגען דער ענטשיידונג פון לאקאל 10, וועלכער לויטעט, אז זיי מוזען פאר־לאזען דעם שאפ פון האלפערין דרעס קא. די קלאגע געגען זיי איז, אז זיי האבען געארבייט פון שטיק, אלס סאב־קאנ־טראקטארס, און האבען געהאלטען צוויי ארויסהעלפערס, איינעם א ניט יוניאן מאן, וועלכען זיי האבען געצאהלט 20 דא־לאר א וואך. עס איז ארויסגעבראכט גע־ווארען דער פאקט, אז איינער פון זיי, האלפערין, איז א פאטער צום באס. עס איז אויך באוויזען געווארען, אז קאוואל־סקי איז שוין א מעמבער אין לאקאל 85 זייט 1910 און דאך האט ער זיך געהאל־טען ביי דאס ווייניגע, אז ער האט ניט געוואוסט, דאס זיין האנדלונג איז געגען די יוניאן־רולס.

די אפיל קאמיטע האט באשלאסען, אז וואס אנבאלאנגט צו קאוואלאווסקי'ן, הייסט זי גוט די ענטשיידונג פון לאקאל 60, בנוגע צו האלפערין האט די אפיל־קאמיטע גענומען אין אכט, דאס, וואס ער איז אן אלטער און שוואכער מאן און האט זיין שטראף פארלייכטערט. ער דארף בא־צאהלען 50 דאלאר שטראף, אבער ער מעג בלייבען ארבייטען אין שאפ.

דער באריכט פון דער אפיל קאמיטע ווערט גוטגעהייסען.

שוועסטער באנאוויץ פרעגט, וואס איז געווארען פון דעם פלאן צו איינפיה־רען א דיוס־קאלעקטינג איידזשענסי.

ס'ווערט איהר געענטפערט, אז די לא־קאלען 10, 25, 66 און 89 האבען דעם פלאן גוטגעהייסען, נאר די לאקאלען 22 און 60, הגם אין פרינציפ זיינען זיי אויך איינשטימיג מיט דעם פלאן, רעכענען זיי אבער, אז עס זאל אפגעלעגט ווערען אויף 6 מאנאטען שפעטער. דער דושאבינג באארד האט — נעהמענדיג אין אכט די איצטיגע אומשטענדען — באשלאסען אפ־צולעגען די פארווירקליכונג פון דעם דא־זיגען פלאן אויף נאכדעם, ווי דער ארגא־ניזאציאנס קאמפיין וועט זיין פאראיבער.

א צושריפט פון לאקאל 10 הייסט גוט די פראטאקאלען פון דזשאבינג באארד פון 4טען און 11טען יאנואר מיט דער אויסנאהמע פון ברודער עסענפעלד'ס רע־זיגנאציע.

לאקאל 22 הייסט גוט די פראטאקא־לען פון 4טען, 11טען און 18טען מיט די פאלגענדע באמערקונגען:

דער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 22, אויסהערענדיג דעם פראטאקאל פון 4טען יאנואר, וואו עס ווערט גערעדט וועגען די פארהאנדלונגען מיט די דרעס און ווייסט מאנופעקטשורערס אסאסיאיי־שאנס, דריקט די באארד אוים איהר דאנק און אנערקענונג צו דער שטעלונג וואס די דושאבינג באארד פארטרעטער האבען גענומען ביי די קאנפערענצען מיט די אסאסיאיישאנס. די עקזעקוטיוו באארד פארזיכערט נאך א מאל, אז לאקאל 22 וועט העלפען דעם דושאבינג באארד מיט אלעס מעגליכעס צו איינהאלטען די יוני־יאן־באדינגונגען אין די שעפער און צו קעמפען געגען די אונגערעכטע פאדערונ־גען פון די באסעס.

וועגען דעם פארלאנג נאך שטיצע פון די סענטראל באדים פאר אמנעסטיע און די פאליטיקעל פריזאנערס רעפענס און רעליף קאמיטע, פארלאנגט דער עקזעקו־טיוו באארד פון לאקאל 22, אז אויב וועל־כער ניט איז באשלוס וועט אנגענומען

[illegible] פון דער דושאבינג באארד צו שטי־צען וועלכע ניט איז [illegible] אדער [illegible] ווערען פון דער דושאבינג באארד [illegible] ווערען פון אלע [illegible] און [illegible] צו ווייזען פארדינען מיטען דושאבינג באארד.

דער מיטינג פון דושאבינג באארד בא־שליסט, אז אלע דעלעגאטען, וואס ווערען באשלאסען ביים דושאבינג באארד, זאל פריהער גוטגעהייסען ווערען פון די לא־קאלס.

אין א צושריפט פון לאקאל 25 הייסט גוט דער דושאבינג באארד רעקארדס פון 18טען יאנואר. דער לאקאל לאזט אויך וויסען, אז זיי האבען ערוועהלט דא־רא [illegible] צו דער דושאבינג באארד אויף דעם פלאץ פון דרייזען, וועלכע האט רע־זיגנירט, און אז מרים לעווין איז אפגע־שטעלט געווארען צו דעם באארד אוו די־רעקטארס צו פארנעהמען דעם פלאץ פון שוועסטער דרייזען. די עקזעקוטיוו פון לאקאל 25 לאזט אויך וויסען, אז זיי הא־בען ארגאנזירט א מאססמיטינג פון אלע מיטגלידער פון לאק. 25 אויף דעם 2טען פעברואר. דער צוועק פון מיטינג איז צו אינפארמירען די מעמבערס פון די פאר־האנדלונגען מיט דער ווייסט אסאסיאיי־שאן און אויך אויפצופאדערן זיי צו העלפען אין דעם איצטיגען ארגאניזאַ־ציאנס־קאמפיין. דער לאקאל פארלאנגט, אז די ביזנעס איידזשענטס זאלען מאכען אלע אנשטרענגונגען און זעהן, אז אלע מעמבערס פון לאקאל זאלען קומען צום מיטינג.

לאקאל 25 ערקלעהרט אויך, אז ווי זיי האבען זיך דערוואוסט צווישען מאנכע שאפ־טשערלייטע פון די דרעס שעפער די מעמבערס פון לאקאל 25 זיך צו טראנס־פערירען צו לאקאל 22. זיי פארלאנגען פון דושאבינג באארד, אז דאס זאל גלייך אפגעשטעלט ווערען, און אז דער דושאבינג באארד זאל ווארנען די שאפ־טשערלייטע ווערען קענען ניט טראנספערירט ווערען [illegible] לאקאל 22.

[illegible] פון לאקאל 66 איז [illegible]

א צושריפט פון לאקאל 60 הייסען גוט די דושאבינג באארד פראטאקאלען פון 4טען און 11טען יאנואר.

אין א צושריפט פון לאקאל 89 הייסט דער לאקאל גוט דעם דושאבינג באארד רעקארדס פון 18טען יאנואר. דער לאקאל לאזט אויך וויסען דעם דושאבינג באארד, אז ביי א דיסטריקט מיטינג אין ברוקלין פון לאקאל 89 איז באשלאסען געווארען צו רעקאמענדירען דעם דושאבינג באארד, אז אזוי ווי אין ברוקלין געפינען זיך א סך אפען שעפער און אז א סך ארגאניזאַ־ציאנס ארבייט מוז געטאן ווערען אין ברוקלין, פארלאנגען זיי דעריבער, אז ספעציעלע ארגאנייזערס זאלען אנגע־שטעלט ווערען פאר ברוקלין. זיי רעקא־מענדירען אויך, אז אן אפיס זאל איינגע־עפענט ווערען אין סאוטה ברוקלין, ווייל פאר מעמבערס פון סאוטה ברוקלין, בא־רא פארק, בעטה בייטש און קוני איילאנד איז צו ווייט צו געהן צו דעם וויליאמס־בורגער אפיס.

זייער פארלאנג ווערט איבערגעגעבען צו דעם באארד אוו דירעקטארס צו פאר־האנדלען.

סעקרעטער מאקאף מאכט אויפמערק־זאם די דעלעגאטען, אז צוליב איצטיגער אר־גאניזאציאנס־קאמפיין וואלט געווען ראט־זאם צו בייטען די צייט פון דעם דושאבינג באארד מיטינג.

עס ווערט באשלאסען, אז דער נעקס־טער מיטינג זאל זיך אנהויבען ניט שפע־טער ווי 8 אזייגער פארנאכט און אויך צו ראטען די לאקאלס, אז זיי זאלען — אויב מעגליך — ניט ארגאנזירען קיינע מיטינגען פאר נעקסטע וואך.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלא־סען.

מ. ק. מאקאוו, דזש. סעק.

די קאסטום דרעסמאכער יוניאן לאקאל 90

אין אונזער לעצטען באריכט אין דער „גערעכטיגקייט" האבען מיר אנגעוויזען, אז עס געהט אן א באוועגונג צווישען אונזערע מעמבערס צו אָרגאניזירען די נאן־יוניאן קאסטאם דרעס מאכער. אונ־זערע מעמבערס האבען דערפיהלט, אז עס קען ווייטער אזוי ניט אנגעהן. אין די נאן יוניאן שעפער ארבייטען די אהבי־טער ביליגער און ארבייטען לענגערע שטונדען און קריגען ניט באצאהלט פאר אווערטיים, און ווילענדיג אדער ניט ווי־לענדיג, מוזען די ארבייטער אין די יוניאן שעפער ליידען דערפון.

דעם צווייטען פעברואר איז אפגע־האלטען געווארען א מיטינג אין אפיס פון דער יוניאן פון שאפ טשערלייטע און אקטיווע מעמבערס פון דער יוניאן, און מען האט אויסגעארבייט פלענער פאר ארגאניזיישאן ארבייט. דער מיטינג האט באשלאסען, ווי דער אמעריקאנער זאגט, „טו טריי עווריטהינג". עס מוז גענו־מען ווערען עפעס א מיטעל ווי אזוי אריינצוציהען די „נאן יוניאן" ארבייי־טער אין דער יוניאן.

מיר האבען ארויסגעלאזען א סירקו־לאר צו די ארבייטער אין טרייד און אלע זיינען אויפגעפאדערט געווארען זיך אנ־צושליסען אן דער יוניאן. דער סירקולאר איז פארשפרייט געווארען ארום די נאן־יוניאן שעפער, און עס איז צו האפען, אז דאס וועט ברענגען גוטע רעזולטאטען.

מיר האבען באשלאסען צו רופען א מאס־מיטינג פון נים יוניאן ארבייטער אויף דאנערשטאג, דעם 16טען פעברואר 1922 אין הארלעם סאָשיאליסט סענטער. אונזער ארגאניזיישאן קאמיטע וועט שוין זעהן, אז דער מיטינג זאל זיין א סוק־סעס. מיר ווילען אויפמערקזאם מאכען אונזערע מעמבערס, וועלכע ארבייטען אין „אפען שעפער", זיי זאלען זעהן ווירקען אויף די אנדערע ארבייטער פון זייער שאפ, אז זיי זאלען קומען צו דעם מי־טינג און העלפען, אז דער מאססמיטינג זאל זיין א סוקסעס.

א יישר כח אונזערע ארבייטער פון די יוניאן־שעפער! זיי טוען זייער פליכט. זיי ווייסען, אז די סירקולארס, וואס די יוניאן דרוקט, מוזען פארשפרייט ווערען. סטאפען זיי פון דער ארבייט גאנצע שע־פער־ווייז און הומען פארשפרייטען די סירקולארס צווישען די נאן יוניאן ארבייי־טער.

מיר ווילען אויפמערקזאם מאכען אונ־זערע מעמבערס, זיי זאלען אפצאהלען אלע זייערע שולדען. מאנכע פון אונזע־רע מעמבערס וועלען יעצט ערהאלטען לע־טערס, אין וועלכע די יוניאן לאזט זיי וויסען וועגען זייערע שולדען, און אויב זיי וועלען ביז א געוויסער צייט ניט אפ־צאהלען זייער דיוס, וועלען זיי סוספענ־דירט ווערען פון דער יוניאן, און דאן וועלען זיי ניט קענען ארבייטען אין קיין יוניאן־שאפ. דארום איילט זיך בעסער צו און באצאהלט אייערע דיוס.

* * *

מיר ווילען בעטען אונזערע מעמבערס, אז אזוי ווי עס פאנגט זיך יעצט אן דער ספרינג־סיזאן און מען ריכט זיך טאקע אויף א גוטען סיזאן אויך, זאלען זיי ניט נעהן זוכען קיין דזשאבס דורך אן עד־ווערטייזמענט אדער דורך א סיין, ווייל מיט דעם העלפט מען די באסעס שניי־דען די פרייזען. איידער איהר נעהט זו־כען א פלאץ צו דער ארבייט, קומט אין אפיס פון דער יוניאן, און מיר וועלען אייך געבען א פלאץ צו דער ארבייט מיט גרעסערע וויידזשעס און בעסערע קאנדי־שאנס.

* * *

מיר ווילען דא ביי דער געלעגענהייט באגריסען, אין נאמען פון אונזערע מעמ־בערס, די אינטערנעשאנאל און די קלאוק־מאכער יוניאן מיט זייער גרויסען זיג איר־בער זייערע בעלי בתים. מיר ווינשען זיי סוקסעס אין זייערע ווייטערע קעמפע. זייער זיג איז אונזער זיג.

א. בערנאדסקי,
מענעדזשער לאקאל 90.

די אידישע טעאטער ביורא
איז איינע פון די אפטיילונגען פון דער
אידישע פאבליסיטע און טייפרייטינג ביורא
וועלכע לעזט דורך, קריטיקירט און פארקויפט פיעסען צו די אידישע טעאטערס.
די ביורא גיט זיך אויך אפ מיט קארעגירען ערצעהלונגען, ראמאנען, ליעדער און אנדערע ווערק, וועלכע ווערען זארגפעלטיג רעווידירט, געטייפרייטעד און פארפערטיגט צום דרוק.
ליטערארישע איבערזעצונגען און אדאפטירונגען ווערען געמאכט פון אלערליי ווערק אין ענגליש אדער אידיש און וועלכער אנדערער שפראך.
אידישער פאבליסיטי און טייפרייטינג ביורא
216 איסט 14טע סטריט, ניו יארק.
רוז שאמער און עלבערט א. טראמער
מענעדזשערס.
טעלעפאן: סטייוועזאנט 7968
AMERICAN-YIDDISH PUBLICITY AND TYPEWRITING BUREAU
216 East 14th St., New York
Tel. Stuyvesant 7968

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IV. No. 6. — New York, Friday, Feb. 10, 1922
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

אז אלץ איבעריגע די גיכער צו זעהן, האט ער דאס רעמאלט איט'ן ויינער אזוי געקוקט און זי געלאזען ארויסלויפען...

א קאלטער שווייס איז איהר אויס'ן שטערן ארויסגעטראטען און אין שוח האבען ווי הייסע קוילען געגליהט... איהר ערשטער געדאנק איז געווען צו איהם צו לויפען, מאכען א טומעל, באלד איז זי אבער מאטעלאז געבליבען זיצען; ס'איז ניט געווען וואס צו געהן. ס'איז געווען פארפאלען. מיט גוואלד זיך ליבען האט זי איהם ניט געקאנט צווינגען. וואס איהר איז איבערגעבליבען צו טאן, איז געווען זיך הענגען, טרינקען ערגער סם'ען...

דער געדאנק וועגען זעלבסטמארד האט ברכה'ן רעדוייל ביים לעבען אויסגעהאלטען... ווייטעריג, אז דער טויט איז אין איהרע הענט געווען, האט זי זיך דאס ניט געאיילט דורכצופיהרען. פריהער, שפעטער – זי וועט שוין שטארבען...

רעדוייל האט זיך איין טאג געצויגען נאכ'ן אנדערען. דער טאטע האט געהוסט און געלערנט, די מאמע איז געווען פארנומען מיט דער בהמה, און זי אליין האט ביי איהר זאקען־מאשין, ניט צעהלענדיג די שטונדען, געארבייט.

די ערנסטע צייט פון וואך איז דער פרייטאג צו נאכט און שבת געווען (אמאל – אין שטעדטעל – די בעסטע). זי האט דאן ניט געטארט ארבייטען און ניט געוואוסט, וואס מיט זיך צו טאן. לייענען האט זי ניט געקאנט; איהרע געדאנקען זיינען ניט געווען דערביי אין די פלענער, וואס זי האט געשאפען, זיינען איינע נאך די אנדערע ווי זייפענבלאזען צופלאצט געווארען...

די פארגאנגענע צייט איז געווען אוממעגליך אומצוקערען, און דאס איז געווען די איינציגע זאך, וואס זי האט באדארפט האבען אויף צו קאנען זיין קליינער ווי זי איז געווען. אלץ איז געווען פארלארען: זי איז אריינגעפאלען...

– פאר וואס געהסטו אמאל ניט ארויס אין ערגעץ פארברענגען, אדער פאר וואס פאררופסטו קיינעם ניט צו זיך? – האט איהר די מאמע איין מאל געפרעגט.

– איך וויל אין ערגעץ ניט געהן און כ'דארף קיינעם ביי זיך ניט האבען.

– ס'דיר גוט אזוי?

– יע, ס'איז מיר אזוי אויך גוט...

– אויף שונאי ישראל געזאגט געווארען אזא גוטסקייט! זיצט א מיידעל ווי א „וואלקאלאק” אליין און ס'איז איהר גוט! קוקט אין פענסטער און ווארט, אז – משיח זאל קומען!...

– טאר מען ניט?

– מ'טאר ניט? ווער זאגסט עס, אז מ'טאר ניט?...

נאר –

– נו, דאנקען גאט, אבי מ'מעג!

זי האט געוואוסט, דאס זי איז אומגערעכט געווען געגען דער מאמען, אבער זי האט עס ניט געקאנט העלפען. דער מאמעס זאיגעפולע בליקען, איהרע שווערע זיפצען און פארזיכטיגער וואכען איבער איהר, האט איהר ווי מעסער אין הארצען געשטאכען...

טראכטענדיג וועגען טויט, האט זי אין זיך ל ע ב ע ן דערפיהלט... ע פ ע ס איז אין איהר פארגעקומען, וואס זי האט אליין נים געוואוסט וואס... דאס האט זי פארוואונדערט, צוטומעלט און דערשראקען... וואס האט עס געקאנט זיין? – אפשר...

זי האט זיך גענומען גוט דערמאנען, וואס בארים האט איהר איינמאל געזאגט: „זיי ניט קיין קינד, האב ניט מורא. נארעלע, ווען איך וואלט ניט וויסען, וואס איך ווייס, וואלט איך דאס ניט זאגען. עס איז נאר נים. ס'וועט נאר ניט זיין. קאנסט זיך אויף מ י ר פארלאזען”...

און זי האט זיך אויף איהם פארלאזען. זיין יעדער ווארט איז ביי איהר הייליג געווען. ע ר האט א ל ץ געוואוסט. זי איז ביי איהם נים די ערשטע געווען... זי האט איהם דערפאר נים געוואגט צו באשולדיגען... אלע, האט ער געזאגט, זיינען אזוי געווען... דאס הייסט, אלע מענער, נים אלע מיידלאך. ווען מיידלאך וואלטען אזוי ווי מענער נים מורא האבען צו לעבען, וואלטען זיי נים בעסער, נאך אפשר ערגער ווי די מענער געווען. די פרוי, האט ער געזאגט, איז בטבע נים בעסער פאר'ן מאן, מעהר נים, זי מוז אנדערש לעבען, ווייל ווען נים, וואלט איהר אויסגעקומען דאריבער מעהר צו ליידען...

דאס מערקווירדיגסטע איז ביים אנדערסען אין זיך לעבען געווען, דאס וואס זי האט זיך דערפאר צו איהם נים ווייטער, נאר נעהענטער דערפיהלט... אט די געהיימניס, וואס האט זי אנגעפילט, האט איהר אויף איהם עפעס א באזונדערע רעכט געגעבען...

זי האט זיך אין געדאנקען מיט איהם וועגען דעם דורכגערעדט, אויף זיך מיט זיינע אויגען געקוקט און אין די גערעכטע ארויסגעקומען.

דאס איז געווען אין די געדאנקען. ווען זי האט זיך אבער אין דער ווירקליכקייט גענומען גרייטען צו איהם צו געהן ריידען, האט איהר הארץ אזוי שטארק גענומען קלאפען, אז זי האט דאס געהן אויף אן אנדערש מאל געמוזט אפלייגען.

דער אנדער מאל איז אויסגעפאלען אין א טאג, ווען די מאמע האט גרעט געוואשען. זי האט עפעס צווישען ברכה'סעם וועש געזוכט און נים געפונען. ברכה'סעם פנים האט זיך מיט אמאל ווי א פייער אנגעצונדען: וואס האט זי א י ה ר ע וועש צו וואשען? וואס איז, זי קאן אליין ניט? זי וויל ניט, אז די מאמע זאל ביי איהר זיין א דינסט!

– א דינסט? וואס עפעס מיט אמאל א דינסט? האט זי די אלטע אנגעקוקט. – צייט דו ביזט געבוירען געווארען האב איך דיינע וועש געוואשען און בין ביי דיר קיין דינסט ניט געווען, מיט אמאל איז דאס ביי דיר געווארען א דינסט... א נייעס א ביסעל!

אבער ברכה האט ניט געהערט וואס זי רעדט. זי האט איהרע עטליכע שטיקלאך וועש אויפגענומען און זי אליין געוואשען.

– וואס רייבסטו דאס אזוי, – האט די מאמע געזאגט, – וועסט נאך דאס צורייסען. געזעהן א ציכאפען זיך דערצו א ביסעל? אזוי ווי דאס וואלט איהר, שונאי ישראל, אין לעבען געגאנגען!...

מעהר ווי דעם ערשטען מאל האט די מאמע ברכה'ן די וועש ניט געלאזען אפרייבען, און זיך דערנאך דערצו אליין גענומען.

– געה צו דיין ארבייט, – האט זי געזאגט, – האסט גענוג וואס צו טאן. געה!

ברכה האט איהר געפאלגט, זיך צוריק צום מאשין געזעצט, אבער די ארבייט איז ביי איהר ניט געגאנגען, ס'איז איהר פון די הענט געפאלען. איבער די בייזע געדאנקען האבען זיך די פעדים געפלאנטערט און א סך אויגלאך אנגעווארען... זי האט פון דער זייט געזעהן, ווי די מאמע קוקט אויף די וועש, וואס זי האט דערוואשען, און פון די וועש אויף איהר... דאס איז געווען אומערטרעגליך. זי האט שוין מעהר אויף איהר ארט ניט געקאנט איינזיצען, געווארפען די ארבייט און זיך געכאפט אנצוטאן.

– וואוהין איז דאס? – האט די מאמע זי אנגעקוקט.

– ערגעץ...

– אין ערגעץ? אזוי אין מיטען דרינען?

– נו, וואס זשע איז? זיין אויף איין ארט, איז ניט גוט. וויל איך געהן, טויג ווייטער ניט!

– אבער וואוהין איז דאס, אזוי אין מיטען מיטוואך?

– ווילסטו, איך זאל שוין דרעמלען אין שטוב ביז שבת?

– קרענקען זאלען אונזערע שונאים. איך פרעג נאר, נאך ו ו א ס לויפסטו?

– נאך ירושה! – האט ברכה צורייצט געענטפערט.

מיט פיבערהאפטער שנעלקייט האט זי זיך אנגעטאן. דער מאמעס שטערען איהר אין געהן האט זי אויפגערעגט און עפעס א בייזען כוח צוגעגעבען, וואס גיכער פון הויז ארויסצולויפען.

אבער אט איז די מאמע מיט הענט פול מיט „מולינעס” צו איהר פון מולטער וועש צוגעקומען, זי מיט געבעט אין איהרע גוטע אויגען אנגעקוקט און דער בייזער כוח איז איהר אויסגעגאנגען... די הענט האבען זיך איהר אראפגעלאזען. די מאמע האט געוויינט, טרערען גרויסע זיינען איהר איבער די פארוועלקטע באקען אראפ צום מויל גערונען, און זי האט עס מיט די ווייפינע הענט נים געקאנט אפווישען...

ברכה האט זיך אויפ'ן ביינקעל וואס ביים מאשין מיט א זיים אוועקגעזעצט. איהר האט זיך שוין צו א י ה ם ניט געוואלט געהן. מארנע ווייט און פרעמד איז ער איהר מיט אמאל געווארען. עס איז איהר א גרויסער רחמנות אויף דער מאמען געווען, ווי זי איז איבער איהר געשטאנען און די טרערען געשלונגען...

– געה, מיין קינד, געה, אז דו ווילסט, – האט זיך שוין די מאמע א וויינענדיגע ביי איהר געבעטען. פאר וואס זאלסטו ניט געהן, אז דו ווילסט. איך האב דיך נאר געפרעגט וואו ה י ן דו געהסט. איך בין דאך דיין מאמע, מעג איך דאך וויסען. אפשר איז דאס א נויטיגער גאנג? זאג מיר...

ברכה האט נים געזאגט. זי האט זיך נאר א קער געטאן צום מאשין און מיט אן אראפגעבויגענעם קאפ גענומען נערווען ארבייטען.

די מאמע האט טרויעריג מיט'ן קאפ געשאקעלט, זיך אפגעזיפצט און איז צוריק צום מולטער וועש אוועק.

זיי האבען ביידע, יעדערע ביי א י ה ר ארבייט, באזונדער געשוויגען... א צרה'דיגער שווייגען איז דאס געווען. און אזוי ביז דער טאטע איז מיט זיין הוסט פון שול געקומען.

אין שול, האט ער זיך באקלאגט, איז ניט אויסצוהאלטען פון טומעל. אידען קומען אהין ניט לערנען, ני דאוונען, נאר ריידען. און די פאר תלמידים זיינע מיט וועלכע ער קנעלט דארטען, האבען פארשטאפטע מוחות, ס'איז גאר נים דאס וואס אין זייער שטעדטעל איז געווען. גאר נים דאס.

ער האט נים געקענט פארשטעהן, צו וואס זיי האבען זיך באדארפט פון ארט ריהרען כדי אהער צו קומען, ווער האט נאך זיי געשיקט, ווער דארף זיי?

ער האט שטארק נאך זיין שטעדטעל מיט זיין שטאדט אין שול געבענקט נאכ'ן כבוד וואס מ'האט איהם דארט געגעבען:

איבערגעלאזען א נחלה און גאר. זיך אויף דער עלטער פארוואלט פון אן ארט, וואו מ'איז אזוי איינגעוואקסען, מיט'ן ווארצעל ארויסרייסען!

– מ'איז אומעטום אין גלות – האט איהם ניטע געטרייסט.

(פארזעצונג קומט.)

פינאנס רעפארט

[illegible]

פיפלס בענק	10000.00
[illegible]	8400.00
טאטאל	[illegible]
באלאנס	9800.00

פאנדס פון די לאקאלס:

עמערדזשענסי פאנד, לאקאל 2:

באלאנס לעצטען יאהר	$1101.70
פון דעם יאהר	1128.25
טאטאל	$2227.05
אויסגעצאהלט	150.00
באלאנס	$2077.05

בילדינג פאנד:

רענט	$1374.05
5 דאלאר [illegible]	905.00
[illegible]	108.00
טאטאל	$2584.05
[illegible]	1280.00
פארניטשור	1190.00
מארטגייד'ש אינטערעסט	900.00
פלאמבינג	97.00
אינשורענס	58.50
וואסער רענט	18.28
טאטאל	$3503.17
דעפיציט	918.82
פון לעצטען יאהר	13010.79
טאטאל	13929.61

סיק פאנד:

באלאנס לעצטען יאהר	14491.15
דעם יאהר	1890.15
טאטאל	16381.30
באלאנס	14733.30

פרעסער פאנד:

באלאנס לעצטען יאהר	1234.15
דעם יאהר	1028.00
טאטאל	2262.15
אויסגעצאהלט	902.25
באלאנס	1359.90

רעליף פאנד:

באלאנס לעצטען יאהר	1858.59
דעם יאהר	1148.20
טאטאל	3006.79
אויסגעצאהלט	1672.00
באלאנס	1334.79

לאקאל 53 פאנד:

אין פאנד	1149.75
אויסגעצאהלט	190.00
באלאנס	$959.75

סיק פאנד, לאקאל 69:

באלאנס לעצטען יאהר	2827.80
דעם יאהר	558.10
טאטאל	2880.90
אויסגעצאהלט	776.00
באלאנס	2014.90

אסעסמענט פאנד:

באלאנס לעצטען יאהר	3316.00
פון לאקאל 2	1938.05
פון לאקאל 69	553.10
פון לאקאל 53	275.25
טאטאל	6082.40
צו דער אינטערנעשאנאל	2000.00
באלאנס	082.40
פרעזענטען פון די געלדער	2029.96
טאטאל	682.95

וואו די געלד איז:

בילדינג דעפיציט	929.61
אין דזשוינט באארד	700.00
סייווינג סטעמפס	000.15
ליבערטי באנדס	000.00
אין סענטראל בענק	391.52
אין פיפלס בענק	304.65
9טער וואלנאט	188.65
7טער וואלנאט	85.40
10טער וואלנאט	82.97
טאטאל	382.95

ט. סענדלער, פינ.־סעקרעטער

פינאַנס רעפּאָרט

פון דזשואיש באָארד פון דער קראָוס און סקירטס מעיקער יוניאָן אין פילאַדעלפיא.

לאָקאַלס 2, 53 און 69, פאַר דעם יאָהר 1921.

א י י נ נ אַ ה מ ע ן :

לאָקאַל 2 :

דיוס — — — — — — — —	$22717.60
פיינס — — — — — — —	6069.66
איניציאיישאַן פיז — — — —	1898.60
פּיקעטס פאָנד — — — —	1028.00
בילדינג פאָנד — — — —	922.00
שטראָפען — — — — —	287.00
רעקאָרד עקזאַמינאַציאָנס —	140.00
טאָטאַל — — — —	$32118.66

לאָקאַל 53 :

דיוס — — — — — — —	$2028.60
עסעסמענטס — — — —	504.36
איניציאיישאַן פיז — — —	415.00
בילדינג פאָנד — — — —	80.00
שטראָפען — — — — —	80.00
טאָטאַל — — — —	$3118.05

לאָקאַל 69 :

דיוס — — — — — — —	$8020.60
פיינס — — — — — — —	1100.20
איניציאיישאַן פיז — — —	650.00
בילדינג פאָנד — — —	508.00
טאָטאַל — — — —	$10279.80

פאַרשידענעס :

פון טאַג וויזיטס — — —	$17562.60
פון סייווינגס — — — —	10000.00
געליהען פון פּיפּלס בענק — —	10000.00
סעקיוריטיס — — — — —	5100.00
פון די פּרעזענטען — — —	3366.37
געליהען פון די פּאָנדס — — —	3000.00
רענט — — — — — — —	1574.65
ניו יאָרק דזשוינט באָאַרד פאַר קאָנטראַקט	1500.00
רשיען רעליף — — — —	321.09
ספּירס מייקערס — — — —	166.46
איניציאיישאַן קאַרדס — — —	92.70
בילדינג דעפּאָזיט — — —	250.00
האָל פּיובעלס — — — —	106.00
בעק פּיי — — — — — —	70.18
מעמבער קאַרדס — — — —	65.50
אינטערעסט — — — — —	60.09
טאָטאַל — — — —	$98224.46
באַלאַנס לעצטען יאָהר — —	866.46
טאָטאַל — — — —	$99449.84
אויסגאַבען — — — — —	97286.82
באַלאַנס — — — —	$2162.02

א ו י ס ג אַ ב ע ן :

קאָמיטי און סטרייק עקספּענסעס —	$19092.15
סעלעריס — — — — — —	17775.50
סטרייק בענעפיטס — — — —	11814.50
צו די פּאָנדס — — — — —	11862.85
סייווינגס — — — — — —	10000.00
דיוס סטעמפּס — — — — —	10000.00
רעגיושאַנס — — — — — —	2759.50
אָרגאַניזיישאַן — — — — —	1798.35
צוריקגעגעבען סעקיוריטיס — —	1700.00
קאָמיטעט קאַר פעירס — — —	1369.84
לאָיער פּיי — — — — — —	1300.00
פּרינטינג — — — — — —	1146.54
בילדינג עקספּענסעס — — —	1100.00
דיסקאַונט — — — — — —	1098.40
ניו יאָרק דזשוינט באָאַרד — —	1000.00
אַדווערטייזמענטס — — — —	856.50
רענט — — — — — — —	686.33
טעלעפאָנס — — — — — —	581.78
רשען רעליף — — — — —	321.09
געליען צו וועסטערן אַרבייטער —	316.85
דיוס צו אָרגאַניזיישאַנס — —	227.66
עלעקטריק — — — — — —	225.95
פּאָסטידזש — — — — — —	205.52
צוריקגעגעבען דיוס — — —	193.35
רעקאָרד — — — — — —	178.00
עלעקטריק פענס — — — —	108.00
סטיישאָנערי — — — — — —	67.71
צוריקגעגעבען שטראָפען — — —	38.00
טאָטאַל — — — —	$97286.82

פאַרמעגען פון דזשוינט באָאַרד :

בילדינגס אינוועסטמענטס — —	$55000.00
פאַרניטשור און פיקסטשורס — —	6000.00
פּיפּלס בענק באַלאַנס — — —	2162.02
וועסטערן שאָפּ לאָאַן — — —	216.85
2114 דיוס סטעמפּס — — — —	211.40
טאָטאַל — — — —	$63590.27

דזשוינט באָאַרד שולדען :

מאָרטגעדזש — — — — —	$15000.00
בילדינג דעפּאָזיטס — — —	13929.61
פּאָנדס — — — — — —	11700.00

(שלוס אויף זייט 7)

אין א קליין שטעטעל

פון מרים קאַרפּילאָוו.

(נאָוועלע)

(פאָרזעצונג)

אבער געהן צו איהם מיט איהר חרטה, האָט זי אויך ניט געקענט. א י ה ר שטאָלץ האָט זי דערצו ניט דערלאָזט, נאָר אלעמען האָט זי זיך שוין פאַר איהם גענוג געבויגען, שוין צופיל, ע ר פ י ל געבויגען!

און דאַ זיינען טאַטע מאַמע געקומען.

זיי האָבען אויספאַרקויפט דאָס קרעמעל, פאַרדינגען די נחלה און מיט עטליכע רובעל געוואָרט פאַר וואָס זיך אין דער גרויסער שטאָדט צו נעמען.

מיט דער אינטערעסאַנטקייט פון א שילדינער האָט ברכה זיי געוואָרט ווי בעסער צו העלפען זיך איינאָרדנען.

דער טאַטע, האָט זי געזאָגט, זאָל זיך פון זיין שול ניט אָפּרייסען, זאָל ער זיך דאַ ווי אין שטעטעל זיצען און לערנען.

זי מיט דער מאַמען, האָט זי געזאָגט, וועלען פאַרדינגען גענוג פאַר אַלעמען דרייען אויף דורכצולעבען זיך. די מאַמע וועט קויפען א בהמה, און זי וועט א זאַקען מאַשין אויף אויסצוהעלפען אריינגעמען און ארבייטען פאַר זיך.

ברכה'ס מאַמע האָט מיט א מינע ווי זי וואָלט זיך אַן עפּעס וועלען דערמאָנען אויף ברכה'ן געקוקט. געקוקט און זיך געוואונדערט ווי ג ו ט זי איז דאָס עפּעס געוואָרען!

זי האָט זיך געריכט דאָס די מיידעל וועט נאָר שפּרינגען פון הויט אַז זי וועט דערזעהן דאָס זי האָט איבער זיך אַן איבערהאַר געהאַנגען. ערשט, אדרבה, אזוי ווי זי וואָלט נאָר אליין וועלען אין קאַשיק פאַר א כפּרה קריכען...

די אַלטע האָט ניט געוואוסט צי זאָל זי זיך דערפון פרייען צי ניט, ווייל ע פּ ע ס איז איהר אין ברכה'קעס גוטסקייט ניט געפעלען געוואָרען. זי האָט געהאַלטען דערפון אַז „וואָס צו — איז אומגעזונט"...

און צו וואָס האָט זי זיך אין גאַנצען באַדאַרפט אַנטאָן א פּח צו קומען אויף איהר אכטונג געבען, ווי באַלד אַז זי איז אַזוי גוט? ס'נאָר אַן איבעריגע זאַך געווען.

— זאָג מיר נאָר, — האָט זיך די מאַמע צו פריידע'ן געווענדעט, — וואָס איז דאָס מיט דער מיידעל צו אַלדי גוטע יאָהר געוואָרען?

— וואָס איז דען? — האָט פריידע אומרוהיג געפרעגט.

— עפּעס איז זי מיר אַזוי גוט — — —

— דאָס נ אַ ר? הערסט א חסרון? די כלה איז צו־שעהן!

— אָבער דו האָסט דאָך געשריבען, אַז זי לויפט אַרום, שלאָפט ניט, קומט שפּעט אַהיים.

— ווען כ'האָב געשריבען, איז דאָס אַזוי געווען, כ'האָב קיין ליגענס ניט געשריבען.

— וואוהין איז זי אַרומגעלאָפען?

— הערסטו, אָט דאָס איז דאָך, וואָס זי האָט ניט געוואָלט זאָגען וואוהין!

— האָסטו ניט געקאָנט זעהן?

— וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, איהר נאָכלויפען?

פריידע איז שטאַרק ברוגז געווען אויף ברכה'ן פאַר איהר אויפפירען זיך. איהר מאַן האָט איהר דערפאַר פאַרטעהאַלטען: די שוועסטער איהרע שפּרינגט זיין ברודער צופיל אין די אויגען, זי לויפט איהם נאָך, און ער וועט זיך פאַר יענעם ניט נעמען... ער קאָן פאַר איהם ניט שווערען, יענער איז צולאָזען. אַלעריי חיה'טעס דרעהען זיך אַרום איהם און ער קלייבט ניט אויס. ער לאָזט זיך וואויל געהן מיט אַלעמען. ביי איהם איז רעכט היינט איינע און מאָרגען אַן אַנדערע...

פריידע האָט דאָס אַלץ דער מאַמען ניט געוואָלט זאָגען. יענע וואָלט נאָר צו איהר טענות האָבען, פאַר וואָס זי האָט איהם פריהער אַזוי פאַרלויבט. זי וואָלט איהר אין ברכה'ס אויפפירען זיך אין גאַנצען באַשולדיגען...

אַזוי ווי דער מאַמעס האַרץ וואָלט דערפילט די געפאַהר, וועלכע איהר קינד איז געווען אונטערוואָרפען, האָט זי, ווי צוטרעפענדיג פריידע'ס פאַרבאָרגענע געדאַנקען געזאָגט, אַז ניט נאָר האָט זי איהר באַדאַרפט נאָכלויפען, נאָר אַפריהער דעם וועג פאַרלויפען, אויב זי האָט נאָר געקאָנט פאַרדענקען, דאָס מען דאַרף זי פון אומגליק, שונאי ישראל, פאַרהיטען. א מאַמע קאָן מען ניט אָפּנאַרען, א מאַמעס האַרץ זעהט אַלץ... איהר זאָגט דאָס האַרץ, אַז עפּעס איז מיט איהר קינד געשעהן... האָט די אַלטע מיט איהר ווייסען פאַרטוך גענומען איהרע אויגען ווישען.

— וואָס רעדסטו, וואָס וויינסטו? — האָט זי פריידע צושראָקען אָנגעקוקט, און איז פאַרטיג געווען זיך אַליין אויך צוּוויינען.

— איך רעד? מיין ביטער האַרץ רעדט! מיינע אויגען נאַרען מיך ניט אָפּ. איך זעה ווי זי מאַכט זיך, אַז זי עסט, ווי זי מאַכט זיך, אַז זי שלאָפט, איך זעה, אַז זי נעהמט אויס ווי א ליכט. זי לאַכט ניט, זי זינגט ניט. זי איז ניט דאָס וואָס געווען. אוי, ניין, כ'האָב מורא, אַז ניט...

— וואָס האָסטו מורא, אַז ניט? — איז ברכה אויף די לעצטע ווערטער אַנגעקומען און מיט געמאַכטע גלייכגילטיגקייט אויף דער מאַמען מיט דער שוועסטער געקוקט...

— וואָס? ס'ווייס וואָס? — האָט זיך די מאַמע צוטומעלט געפרעגט. — זאָג ד ו, פאַר וואָס איך קאָן מורא האָבען.

— פאַר „ניט גוטע"? — האָט ברכה'קע געצוואונגען א לאַך געטאָן.

— יאָ, פאַר ניט גוטע... טאַקע פאַר ניט גוטע... איז וואָס טוט מען דערנאָך, אַז מ'האָט פאַר זיי מורא, וואָס?

— מ... מקושט די מזוזה און... מ'לייענט אַ קריאת־שמע!

אין אַן אַנדער צייט וואָלט די אַלטע פאַר רייד'ן אין אַזוי לייכטען טאָן וועגען אַזעלכע ווייטיגע זאַכען ברכה'קען גוט אָנגעלערענט. און דאָס מאָל האָט זי זיך דערמיט דערפרייט; זי האָט אויף איהר קינד'ס פּנים א פרייע מינע דערזעהן...

ברכה'קע האָט זיך אויף דער ווייל'ע געפיהלט בעסער; זי האָט ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט אין געדאַנק א געוויסע צייט, ביז וועלכער באָריס וועט ניט קומען, און זיך געהייסען: ביז דאַן ניט זאָרגען, נאָר וואַרטען...

דאָס איז געווען א גוטע אידעע; זיך געבען אויף וואָס צו וואַרטען... אויב אפילו ער וועט צו יענער צייט ניט קומען, וועט זי... וועט זי דאָך ווייטער קאָנען באַשטימען א צייט אויף שפּעטער, ביז וועלכער זי וועט ווייטער קאָנען וואַרטען...

— וואָס איז מיט דיר היינט אַזוי די שמחה? — האָט איהר פריידע נייגעריג פון דער ווייט א פרעג געטאָן.

— וואָס? ווייסט ניט? מיין וויגרישנער ביילעט האָט דאָך געוואונען!

— הלואי האָסטו נאָר א וויגרישנעם ביילעט, — האָט זיך די מאַמע אָנגערופען, — ווער ווייס, אפשר איז דיין מזל אַזוי, אַז דו וואָלסט טאַקע געוואונען?

— אהא, מיין מזל! — האָט ברכה ביטער א לאַך געטאָן.

— קאָנסט נאָר ניט וויסען...

— געוויס ניט, ס'איז א בלינדע זאַך, ס'איז ווי א קאָץ אין זאַק...

— נעה שוין, נעה, באַלעבאָסטע, וואָס דו ביזט! — האָט די מאַמע אויף איהר גוטמוטיג מיט'ן האַנט א מאַך געטאָן, און זיך געכאַפּט, אַז ס'איז איהר אויך גענוג צו באַלבענען: מען דאַרף זיך בעסער נעמען די נייע היים איינאָרדנען.

זי האָט זיך דערצו גענומען און ברכה האָט איהר אין דעם טיכטיג געהאָלפען.

די צייט, וואָס ברכה האָט זיך פאַר וואַרטען אויף באָריס'עס קומען „באַשטימט", איז אַוועק, און ער איז נ י ט געקומען.

זי האָט איהם שוין אין געדאַנק נאָך אַמאָל אַזוי פיל צייט געגעבען און ער איז נאָך אַלץ ניט געקומען...

מיט א טעמפּער רוהיגקייט פון א פאַרצווייפעלטער האָט זיך ברכה אין הויז געהאָלפען. זי האָט אויף זיך א מאַסקע פון גלייכגילטיגקייט אַרויפגעצויגען: קיינער דאַרף ניט וויסען, וואָס אין איהר קומט פאָר, האָט זי זיך געזאָגט, ס'קיינעמ'ס דאגה ניט...

די דאגה איז געווען נאָר א י ה ר ע. און די איינציגע, וואָס האָט אינסטינקטיוו א י ה ר דאגה געפיהלט, איז געווען די מאַמע.

די מאַמע האָט איהר יעדע מינע נאָכגעקוקט. אָבער זי האָט ווי פאַר מורא אויסגעמיידט מיט ברכה'קען וועגען דעם צו ריידען.

איין מאָל איז ביים טיש, צום עסען, וועגען באָריס'ען צו רייד געקומען. א ווייבעל פון זייער שטעטעל האָט גוטע'ן באַגעגנט און געזאָגט, דאָס דער פּראָצענטניק וויעדער האָט זיך מיט זיין גאַנצער הויזגעזינד אין שטאָדט אַריבערגעקליבען. דאָס ווייבעל האָט זי, דעם פּראָצענטניק'ס טאָכטער געזעהן, ווי זי איז אין „טריאַטער" אַריין מיט איהר איידעמ'ס ברודער אונטער די הענט „געליאַרעמט".

— מיט... מיט באָריס'ען? — האָט ברכה ווי ניט מיט איהרע ליפּען געפרעגט.

— יאָ, מיט איהם טאַקע, מיט דיין ב אָ ר י ס'ע ן! אבי, מאַכט ז י צו מיר, — די גאַנצע שטעטעל האָט געמיינט, אַז דאָס וועט זיין פאַר אייער ברכה'קען א שידוך.

— נו, איז וואָס האָסטו איהר געזאָגט? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

— וואָס? וואָס האָב איך איהר געזאָלט זאָגען? כ'האָב געזאָגט, אַז ברכה'קע איז נאָך צו יונג פאַר שידוכים, אַז זי קאָן נאָך וואַרטען...

ברכה האָט זיך מיט גרויס אָנשטרענגונג אָפּגעהאַלטען פון טיש ניט צו אַנטלויפען. איהר האָט זיך געדוכט, דאָס די ערד זינקט אונטער איהר און זי פאַלט אַהין אַריין...

מיט אַמאָל איז איהר די אורזאַכע פון זיין ניט קומען קלאָר געוואָרען... זי, די רייכע כלה, האָט איהם פאַרנומען... קאָן זיין,

[illegible] ניט [illegible] געשילדערט דער [illegible] ארטער און די מאטיווען פון די, וועלכע עפענען אזעלכע. אבער גרויס ווי דער איבעל איז, איז דאס דאך ניט איינע פון אונזערע פראבלעמען. די הויפט-פראבלעם איז, וואָרום מוז דער גרויסער מאניפעקטשורער איבערהויפט ארויסגעבען ארבייט פון זיין שאפ צו אויטסיידער, וועלכע זיי זאָלען ניט זיין, צו איינצעלנע באסעס צו עטליכע באסעלאך צוזאמען? וואָרום זאל ער ניט מאכען זיין ארבייט אין זיין שאפ, מיט זיינע אייגענע ארבייטער?

ב.

דער תירוץ איז, אז ער קריגט די ארבייט פון אויטסיידער פיל ביליגער געמאכט. ריכטיג. אבער וואָרום קען די ארבייט ניט געמאכט ווערען אזוי ביליג, און נאך ביליגער, ווי אין א קליינעם שאפ? ווער איז שולדיג אין דעם? איז עס די סיסטעם פון ארבייט אין דער גרויסער פעקטאָרי, אדער איז פיילייכט דער ארבייטער פון דעם גרויסען שאפ שולדיג אין דעם? מיר וואָלטען זעהר גערן פארעפענטליכט בריף פון אונזערע לעזער, אין וועלכע זיי זאָלען מיטטיילען אין גאנץ איינפאכע ווערטער זייערע אייגענע ערפאהרונגען. באזונדערס וואָלטען מיר געוואָלט הערען פון ארבייטער, וואָס האבען זייערע ערפאהרונגען פון ביידע סארטען שעפער, סיי פון די גרויסע און סיי פון די קליינע. נאר די אמת'ע פאקטען וועלען קענען פיהרען צו א געוויסען רעזולטאט אין דער לייזונג פון דער דאזיגער העכסט-וויכטיגער פראגע. טעאריעס פארשיידענע זיינען אין דעם פאל פון א גאנץ קנאפער באדייטונג. מיר בעטען דארום די, וועלכע וועלען זיך ענטשליסען צו שרייבען, צו געבען אונז בלויז פאקטען, ערפאהרונגען, וואָס זיי האבען אליין מיטגעמאכט. אזא גאנץ זאכליכע דיסקוסיאן מוז און וועט אונז פיהרען צו א געוויסען שלוס, און אז מיר וועלען מעהר אדער ווייניגער פארטיג ווערען מיט דיזער פראגע, וועלען מיר צוטרעטען צו א צווייטער, א דריטער, און אזוי כסדר צו אלע פראגען, וועלכע דארפען פארענטפערט ווערען.

ג.

אין אט איז נאך איין גרונד מעהר פאר די וויכטיגקייט פון קומען צו א קלארער מיינונג איבער די פארשיידענע פראבלעמען. די רעגירונג אין וואשינגטאן קלייבט זיך צו מאכען א גאנץ גרינדליכע אונטערזוכונג אין דער קלאוקמאכער אינדוסטריע. די אונטערזוכונג וועט פארקומען מיט דער צושטימונג און פולסטער באטייליגונג פון אונזער יוניאן. און געוויס וועט אונזער יוניאן האבען די ריכטיגע מענשען פון איהר זייט, וועלכע וועלען ניט דערלאזען די אונטערזוכונג זיך אוועקלאזען אויף „קרומע" וועגען, אדער פארזעהן עטוואס, וואס דעם אדער יענעם צד וועט זיך לוינען צו פארזעהן. און זיכער וועט די דאזיגע אונטערזוכונגס-קאמיטע ארויסקומען מיט געוויסע רעקאמענדיישאנס פאר דעם וואויל און בעסט פון דער אינדוסטריע און פון דער יוניאן. די רעקאמענדיישאנס וועט די יוניאן ניט זיין געצוואונגען אנצונעהמען, אויב זי וועט זיי געפינען געגען די אינטערעסען פון די ארבייטער. זי וועט זיי אבער ניט קענען צוריקוויזען גלאט אהן אן אורזאכע. ווארים אזוי צו האנדלען וואלט געווען שטארק געגען די אינטערעסען פון דער יוניאן. דערפאר איז עס איצט פון א גאנץ באזונדערער וויכטיגקייט, אז וואס מעהר מעמבערס זאלען ערשטענס גוט פארשטעהן וועגען וואס עס האנדעלט זיך, און דאן זעהן קומען צו א פעסטער מיינונג, און א מיינונג, וועלכע זאל זיין גוט באגרינדעט. זאל נאך דא געזאגט ווערען, אז עס איז קיין צווייפעל ניט, דאס אט אלע ארויסגעזאגטע מיינונגען און געבראכטע ערפאהרונגען וועלען זיין זעהר וויכטיג און ניצליך פאר דער אונטערזוכונג גופא. דערפאר בעטען מיר נאך א מאל ביי אונזערע לעזער צו שרייבען אונז דערוויל אויף דער אויבענאנגעגעבענער פראגע, און אזוי ווי מיר פארלאנגען עס. זאל זיי ניט אפשרעקען דער פאקט, וואס זייער כתב יד איז, אפשר, ניט אזא געראטענער, אדער זייער אויסלעגען ניט קיין גוטער. דאס איז אלעס פון קנאפער וויכטיגקייט. זאלען זיי אונז נאר איבערגעבען די פאקטען פון זייער ארבייט אין שאפ, זייערע ערפאהרונגען אהן אירגענד וועלכער מליצה. מיר וועלען שוין טאן דאס איבעריגע.

א מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

דער געוועהנליכער פערטעל-יעהרליכער מיטינג האט זיך שטארק פארשפעטיגט — דאכט זיך, אויף א גאנצען פערטעל יאהר. די אורזאכע איז באקאנט. עס איז געווען אזוי פיל צו טאן, אז עס איז ניט געווען די מינדעסטע מעגליכקייט פאר דער פערטעל-יעהרליכער באראטונג. דערפאר אליין וועט דער מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד נעקסטע וואך זיין פון א גאנץ באזונדערער באדייטונג. וויפיל וועלען דאס אונזערע וויים-פרעזידענטען האבען צו רעדען פון די פארשיידענע קאמפלעצער, פון וועלכע זיי קעהרען זיך אלע צוריק, אלס זיגער! אחוץ דעם, וועט מען שוין אויף דעם מיטינג מוזען זיך נעהמען צו מאכען די נויטיגע פארברייטונגען פאר דער קומענדער קאנווענשאן, ווייל, העכסטענס, וועט בלויז נאך איין מיטינג פון דעם ג. ע. ב. קענען אפגעהאלטען ווערען ביז צו דער קאנווענשאן, און מען וועט זיך ניט קענען פארלאזען איז אלע קאנווענשאן-פראגען אויף דעם לעצטען מיטינג. זעלבסטפארשטענדליך, וועט די „גערעכטיגקייט", ווי אלע מאל, איבערגעבען א גאנץ קלארען באריכט וועגען אלץ, וואס וועט פארקומען אויף דעם מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

דאס פראבלעם פון דעם אידישען ארבייטער פיהרער

פון ג. פאמעראנץ

ב.

דער דריטער צד.

(צום דיסקוטירען).

די סאציאליסטישע טעאריע באהויפטעט, אז אין דער היינטיגער געזעלשאפט זיינען פאראן בלויז צוויי קלאסען, קאפיטאליסטען און ארבייטער, וועמעס אינטערעסען עס זיינען געגענגעזעצט און פיינדליך. די סאציאליסטישע טעאריע זאגט, אז יעדער איינער אין דער געזעלשאפט באלאנגט אדער צו איינעם אדער צום צווייטען פון די דאזיגע קלאסען, אז יעדער איינער איז אדער מיט די ארבייטער אדער געגען זיי, אז קיין מיטעלוועג איז גאר ניטא און קען ניט זיין. דער סאציאליזם ווערט ניט מיד צו ווארנען די ארבייטער, ניט פארפיהרט צו ווערען פון דעם ליגען, אז עס קענען זיך געפינען אין דער געזעלשאפט אונפארטייאישע מענשען אין זייערע סכסוכים מיט זייערע בעלי בתים. יעדער סאציאליסטישער שרייבער און רעדנער פארשפאט דעם געדאנק, אז עס איז דא א „דריטער צד" אין קאמף צווישען קאפיטאל און ארבייט, דער זאגענאנטער „פובליקום", ווארים דאס דאזיגע פובליקום גופא באשטעהט אויך אדער פון קאפיטאליסטען אדער פון ארבייטער.

דער פראקטישער טרייד יוניאן פיהרער אבער ווייס, אז אויב אפילו די סאציאליסטישע טעאריע איז ריכטיג, קען ער זי אבער דאך ניט אננעהמען אלס פראגראם פון אקציאן אין זיין פראקטישער טרייד-יוניאן-ארבייט. דאס וואלט געווען פון זיין זייט ניט בלויז א אידיאטסטווא נאר פשוט א פארברעכען געגען די ארבייטער.

די סאציאליסטישע טעאריע איז טאקע אפשר ריכטיג אין אלגעמיין. אבער עס איז אויך אמת, אז פארשיידענע גרופען קאפיטאליסטען האבען אפט געגענגעזעצטע אינטערעסען. די מאנופעקטשורערס פון סאדא-וואסער, סאדא-וואסער פאונטיינס א. ז. וו. זיינען געוואלדיגע אנהענגער פון פראהיבישאן אויף צופוסניש זייערע קלאסען-גענאסען די ברויערס פון ביר און שנאפס; די פאבריקאנטען פון ציגארען האבען שוין א היבש ביסעל געלד אויסגעגעבען צו איבערצייגען דאס לאנד ווי שעדליך עס איז פאר'ן געזונד צו רויכערען סיגארעטען, און געוויס ארבייטען זיי ניט גלייכצייטיג פאר די אינטערעסען פון די סיגארעטען-מאנופעקטשורערס; ריעל עסטייט ספעקולאנטען זיינען שטענדיג די ערשטע באקעמפער פון העכערע „פערס" אויף באהנען, שטאדט-באהנען און סטריט-קארס, ווייל ביליגע „פערס" ברענגט דערצו אז זייער לאנד זאל שטייגען אין ווערט. דאס זיינען נאר עטליכע פון טויזענדע ביישפילען, וואו די אינטערעסען פון פארשיידענע גרופען קאפיטאליסטען זיינען ענטגעגענגעזעצט, און וואו זיי זיינען גרייט צו קעמפען איינע געגען די אנדערע ביז בלוט. אחוץ דעם ארט עס אפט גאנץ ווייניג די קאפיטאליסטען פון איין אינדוסטריע, ווען זייערע קלאסען-גענאסען פון א צווייטער אינדוסטריע ווערען געצוואונגען פון זייערע ארבייטער נאכצוגעבען געוויסע פארבעסערונגען. מען דארף האבען אין זינען, אז די געוועהנליכע פאדערונגען פון ארבייטער זיינען ניט אזעלכע, וואס זאלען ארויסרופען די ארגאניזירטע געגנערשאפט פון דעם גאנצען קאפיטאליסטישען קלאס אין לאנד. די מעהרסטע ארבייטער-קעמפע זיינען לאקאלע אפערען, פון לאקאלער באדייטונג און לאקאלען אינטערעס, און עס פאסירט זעהר אפט, אז מענשען וועלכע באלאנגען צום קאפיטאליסטישען קלאס סימפאטיזירען, און העלפען זאגאר, ארבייטער אין א קאמף געגען זייערע באסעס.

דער געוויסענהאפטער, איבערגעבענער ארבייטער-פיהרער פיהלט די אונגעהייערע פעראנטווארטליכקייט, ווען ער באפעהלט א גרויסע צאהל ארבייטער צו פארלאזען זייערע פלעצער. דער ארבייטער-פיהרער רופט דאך ניט ארויס ארבייטער אין א קאמף כדי צו איבערצייגען, אז די אינטערעסען פון די ארבייטער און די קאפיטאליסטען זיינען פיינדליך און געגענגעזעצט ביז צום טויט, פארקעהרט, אויב ער וואלט געדענקט, אז עס איז אונמעגליך דעם קאמף צו געווינען, וואלט עס דאך נאר געווען א פארברעכען פון זיין זייט דעם סטרייק ארויסצורופען. ווען אן ארבייטער-פיהרער רופט ארויס א סטרייק, לאמיר זאגען, צעהן טויזענד ארבייטער, און ווען ער איז נאר אן עהרליכער מענש, פיהלט ער גאנץ גוט וואס דאס מיינט פאר די סטרייקער, וויפיל ליידען און נויט דאס ברענגט ניט נאר זיי נאר אויך צעהנדליגע טויזענדע אנדערע, וואס הענגען פון זיי אפ. און דעם דאזיגען ארבייטער-פיהרער קען ניט — און טאר ניט — זיין קיין אנדער זאך אין זינען ווי צו דערפיהרען דעם קאמף צו אן ערפאלגרייכען סוף.

און עס וואלט געווען א פארברעכען פון זיין זייט צו גלאצען די אויגען צו די סאציאליסטישע געמער און שעפטשען עקסטאטיש דעם סאציאליסטישען פסוק, אז פון קיינעם קען ניט קומען די ישועה אויסער פון דעם מענשנאט „פראלעטאריער". עס וואלט געווען פארברעכעריש פון זיין זייט ניט צו באנוצען זיך מיט אלע געוועהר וואס ער קען נאר אום צו געווינען דעם קאמף פאר די ליידענדע ארבייטער.

א מאדערנער ארבייטער-קאמף איז זעהר א קאמפליצירטע אפערע, און זיין אויסגאנג הענגט ניט אלע מאל אפ בלויז אן דעם ווילען פון די סטרייקער. עס זיינען אויך דא אנדערע פאקטארען, וואס ענטשיידען דעם אויסגאנג פון יעדען ארבייטער-קאמף. און איינער פון די וויכטיגסטע פאקטארען איז טאקע די „עפענטליכע מיינונג" — די מיינונג פון דעם זאגענאנטען „דריטען צד", פון דער פרעסע און פון אלע אנדערע ארגאנען פון דער עפענטליכער מיינונג. געווינט איהר די עפענטליכע מיינונג אויף אייער צד אין א געוויסען קאמף, האט איהר אייער קאמף האלב געוואונען. טא וויזשע זאל דער געוויסענהאפטער ארבייטער-פיהרער ניט זוכען דורך אלע מיטלען צו געווינען די דאזיגע עפענטליכע מיינונג אויף דער זייט פון די ארבייטער?

ווען איינער איז א פיהרער פון א פאליטישער סאציאליסטישער פארטיי, און ער ערקלעהרט, אז עס איז ניטא אזא זאך ווי א „דריטער צד" אין דער געזעלשאפט און אז די גאנצע פרעסע פון לאנד איז ניט מעהר ווי די דינסט-מויד פון דעם קאפיטאליזם — איז נאך אלעמען, אפילו ווען דאס זאל ניט זיין אמת, טוט עס קיינעם קיין שאדען ניט און קיינער וועט דערפון ניט ליידען. דאס איז דאן ניט מעהר ווי א טעארעטישער פלפול. נעהמט דעם זעלבען סאציאליסט און שטעלט איהם אוועק אויף דער שפיץ פון אן עקאנאמישער ארבייטער-ארגאניזאציע, געפינט ער זיך שוין דאן אין גאר אן אנדער לאגע. ער מוז דאן אוועקווארפען יעדען טעארעטישען פלפול און אויסזוכען אלע פראקטישע געוועהר וואס מאכט זיך איהם צו דער האנד צו געווינען דעם קאמף פאר די ארבייטער. און אויב ער איז נאר ניט קיין אפגעריסענער נאר, טוט ער דאס טאקע.

און אט אויף דיזען אופן פיהרט דער פראקטישער טרייד-יוניאן קאמף — ווי דער אמאל — צו א ווידערשפרוך צווישען דעם טרייד-יוניאניזם און דעם סאציאליזם.

„א גוטער טאג ארבייט פאר א גוטען טאג שכירות".

דער סאציאליסט באטראכט די גאנצע קאפיטאליסטישע געזעלשאפט אלס אנטי-סאציאל, אלס געזעלשאפט וואו יעדער איינער ארבייט געגען די אינטערעסען פון כלל אבי צו מאכען פאר זיך וואס מעהר ריוח. דער סאציאליסט באטראכט די גאנצע קאפיטאליסטישע געזעלשאפט אלס איין גרויסע סאבאטאזש-סיסטעם, וואו יעדער איינער סאבאטאזשירט געגען דער גאנצער געזעלשאפט אלס כלל, ווארום יעדער איינער איז פאראינטערעסירט ניט אין שאפען עטוואס נוצליכעס פאר דער געזעלשאפט נאר אין שאפען ריוח פאר זיך. אונטער אזעלכע אומשטענדען איז עס דערפאר גאנץ נאטירליך, אז אויך דער ארבייטער אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט זאל ניט האבען דעם מינדעסטען אינטערעס אין דער פראדוקציאן, אז איהם זאל נאר אינטערעסירען די איין-איינציגע פראגע, וויפיל ער קען פאר זיך ארויסקריגען פון דעם געשעפט.

צו דעם סאציאליסט קענט איהר ניט זאגען: איך וועל דיר [illegible] ביטער אויפ'ן און אויפ'ן [illegible] פאר דעם געמאכטען אויפ'ן און אויפ'ן פראדוקטען. ער וועט ענטפערען דעם קאפיטאליסט, אז ניט ער דארף רעדען וועגען פראדוקציע, אז כסדר הכל איז ער איין גאר ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א פאראזיט אויף דעם געזעלשאפטליכען קערפער; אז זיין עקזיסטענץ גופא איז א פארהינדערונג פון פראדוקציע אויף אזוי ווייט ווי א געוויסער טייל פון דער פראדוקציע פאלט איהם אראפ אין קעשענע אלס מיטגעגעבען, אנשטאט דעם וואס יענער טייל זאל געהן אין די קעשענעס פון די באשאפער פון דעם פראדוקט; טא מיט וואס פאר א רעכט קען דער קאפיטאליסט, דער אנטי-סאציאלער קאפיטאליסט, קומען צום ארבייטער און פון איהם פאדערן, אז ער זאל דאך יא זיין איבערגעבען זיין ארבייט מיט לייב און לעבען?

אבער מיט אזעלכע טענות קענט איהר רעכטפערטיגען די ארבייטער נאר פאר דער געשיכטע, אבער ניט פאר באסעס אין דעם קאנפערענץ-צימער אדער פאר דער געזעלשאפטליכער מיינונג. און דער ארבייטער-פיהרער האט גאר ניט צו טאן מיט דער סאציאליסטישער פילאזאפיע, און עס איז ניט זיין עובדא פאר דער היסטאריע צו פארענטפערען די מעשים פון די ארבייטער. נעקסט צו דער ארגאניזירונג פון די ארבייטער גופא, איז די ערפאלגרייכע פארהאנדלונג אין קאנפערענץ-צימער די וויכטיגסטע ארבייט פון דעם ארבייטער-פיהרער, און ניט פון א גאנץ קלענערער וויכטיגקייט זיינען זיינע עפענטליכע ארויסטרעטונגען כדי צו געווינען די סימפאטיע פון דער עפענטליכער מיינונג.

ווען איהר קומט זיך צוזאמען מיט די בעלי-בתים אדער ווען איהר זוכט צו איבערצייגען די עפענטליכע מיינונג, קענט איהר ניט שיסען מיט די דאזיגע סאציאליסטישע קוילען; זיי, די דאזיגע קוילען, צופאלען אויף שטויב אזוי שנעל ווי זיי געהען ארויס פון די סאציאליסטישע קאנאנען, אזוי שנעל ווי זיי קומען אין באריהרונג מיט דער הערשענדער אטמאספערע. ווי איהר זאלט זיך נישט דרעהען און וואס פאר א טעארעטישע אקראבאטסטווא איהר זאלט ניט באווייזען, וועט איהר אלץ מוזען צוגעבען, אז דער באס איז פאר די שכירות וואס ער צאהלט דעם ארבייטער דאך בארעכטיגט עפעס צו באקומען, און דאן וועט איהר מוזען געהן א שריט ווייטער און צוגעבען א געוויסען מינימום וואס דער ארבייטער דארף פראדוצירען פאר די שכירות וואס ער באקומט, אדער וואס עס ווערט אנגערופען „א סטאנדארד אוו פראדאקשאן".

דער קאנסערוואטיווער ארבייטער-פיהרער גלויבט באמונה שלימה אין „א גוטען טאג ארבייט פאר א גוטען טאג שכירות". אבער אפילו דער ראדיקאלער ארבייטער-פיהרער מוז צוגעבען דאס רעכט פון דעם באס צו א געוויסען מינימום ארבייט פאר די שכירות וואס ער צאהלט. און ווען עס האנדעלט זיך וועגען שטיק, אדער וואך-ארבייט — ווי דאס איז געווען דער פאל אין דעם אמאלגאמייטעד-סטרייק אביסעל פריהער און נאכדעם אין דעם קלאוקמאכער-סטרייק — זיינען די פיהרער פון די ארבייטער געצוואונגען ארויסצורוקען דעם פרינציפ פון „סטאנדארד אוו פראדאקשאן" געגען דער פאדערונג פון די באסעס פון שטיק-ארבייט און געגען זייער באשולדיגונג אז די ארבייטער פראקטיצירען סאבאטאזש. דאס איז פון זייער זייט דער איינציגער קלוגער און מעגליכער צוג געגען די אלע טענות פון די בעלי בתים צו דער וואך-סיסטעם.

איז א „סטאנדארד אוו פראדאקשאן" ניט סאציאליסטיש? עס קען זיין. עס וועגדעט זיך אן דעם, וואס איהר באטראכט פאר סאציאליסטיש. אויב איהר באטראכט, אז די אויפגאבע פון יעדען סאציאליסט און פון יעדער טרייד-יוניאן איז כסדר צו סאבאטאזשירען געגען דעם קאפיטאליזם, אלץ איינס וואס פאר א רעזולטאטען דערפון קען ארויסקומען פאר די ארבייטער, דאן איז דאס געוויס ניט סאציאליסטיש. אבער דאן וועט איהר מוזען די גאנצע טרייד-יוניאן באוועגונג פארדאמען אלס אנטי-סאציאליסטיש, אלס באוועגונג וואס דערווייטערט דעם סאציאליסטישען ענדציל וואס זי פארבעסערט די לאגע פון די ארבייטער; שוין דערמיט אליין פארשטארקט זי די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט, וואס זי באקומט פאר די ארבייטער א גרעסערען טייל פון דעם געשאפענעם פראדוקט און פארקלענערט דערמיט די אונגערעכטיגקייט פון דער קאפיטאליסטישער פארטיילונג. און דאן וועט איהר אויך מר

(שלוס אויף זייט 14).

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Offices: 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance $1.00 per year.
Vol. IV. No. 6. New York, Friday, Feb. 10, 1922
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

א שריט פאראויס אין אונזער ארבייטער־באוועגונג.

מר. לואיס, פרעזידענט פון דער מיינערס יוניאן, איז דוקא ניט קיין „ראדי־קאל". ער געהערט צום טיפ ארבייטער־פיהרער, וועלכע מען האלט פאר קאנסער־וואטיוו. דער בעסטער באווייז פאר זיין קאנסערוואטיזם איז זיין גאנץ אונפאר־שטענדליכע האנדלונג בנוגע צו אלעקסאנ־דער האוואט, וועלכער איז ווירקליך א פראקטישער ארבייטער־פיהרער, און וועל־כער האט דורך זיין פעסטע אנטשלאס־סענהייט באוויזען צו האבען דעם מוט פון זיינע איבערצייגונגען. ער איז געגאנגען אין פריזאן, און איז געבליבען טריי צו דעם, וואס ער האט געהאלטען פאר רעכט. לואיס איז אן איינפאכער טרייד־יוניאניסט, א גאנץ עהרליכער און פעהיגער ארבייטער־פיהרער, אבער וועלכער האט ביז איצט ניט געוואלט הערען און זעהן פון דאס, וואס געהט אונטער דעם נאמען „אינדאסטריעל יוניאניזם". פון דעסטוועגען האט אט דער קאנסערוואטיווער אר־בייטער־פיהרער פארגעשלאגען [illegible] א פאראייניגונג, א פארבינדונג צווישען דער יוניאן פון די מיינערס און פון די אייזענבאהן־ארבייטער. איז דאס ניט א צייכען פון דער צייט? וואס איינער זאל ניט זיין, לויט זיינע פרינציפען, קוים איז ער נאר באמת געטריי צו די ארבייטער־אינטערעסען, ווערט ער פון די נייע, גע־ענדערטע אומשטענדען געשטופט אויף גאנץ נייע וועגען. ווילענדיג, ניט ווילענ־דיג מוז ער אויפגעבען די אלטע מעטא־דען, וועלכע האבען געמעגט זיין גאנץ גוט פאר א פריהעריגער צייט, אבער ניט פאר אונזערע, ווען די אומשטענדען האבען זיך אזוי שטארק געענדערט.

וואס זיינען די פאקטען, וועלכע האבען געצוואונגען מר. לואיס צו האנדלען אזוי גאנץ ראדיקאל, כאטש אין זיין רענ־קען איז ער גאנץ קאנסערוואטיוו? עס איז דאס, וואס ער האט איינגעזעהן גלייך מיט פילע אנדערע, אז שטארק ווי די מיי־נערס יוניאן איז, רייך ווי עס איז איהר טרעזשורי, דאך אליין איז זי ניט שטארק גענוג צו שטעלען זיך אין קאמף געגען די ריזיגע אפעטיטען פון די קוילען־בארא־נען. און, ווייל ער ווייס, אז דער קאמף איז פריהער אדער שפעטער אונפארמייד־ליך, זוכט ער באצייטענס פארבינדעטע, וועלכע זאלען מאכען דעם ערפאלג פון קאמף זיכער פאר די מיינערס.

אין זיין פארשלאג פאר א פאראיי־ניגונג מיט די אייזענבאהן־ארבייטער־יוניאנס רעדט ער גאנץ קלארע דבורים, ווי דאס איז דער שטייגער פון א קאנ־סערוואטיווען ארבייטער־פיהרער. ער אפע־לירט ניט צו די אידעאלע געפילען פון ברידערליכקייט, צו די הייליגע פרינציפען פון סאלידאריטעט, נאר ער אפעלירט צו די געגענזייטיגע אינטערעסען פון ביידע יוניאנס, ווען זיי וועלען זיך פאראייניגען. זיין פארשלאג איז א פיור ענד סימפעל ביזנעס־פארשלאג. עס לוינט זיך, עס איז א גוטע ביזנעס צו מאכען יד אחת צווי־שען די מיינערס און אייזענבאהן־ארביי־טער. ער זאגט צו די אייזענבאהן־אר־בייטער; עס איז זיכער, אז אייערע בעלי בתים וועלען באלד מאכען א פארזוך פאר א ווייטערען שנים אין אייערע וויידזשעס. דאס זעלבע איז דער פאל מיט די מיי־נערס. אויך דארט וואכען געוויסע אינ־טערעסען א וויידזש־פארקלענערונג אין דער קוילען־אינדוסטריע. טו פאר וואס ניט פארבינדען זיך און צוזאמען באקעמ־פען דעם שונא? אט זיינען מר. לואי־סעס אייגענע ווערטער: „אום צו חענד־לען די לאגע ריכטיג, און אום צו באקעמ־פען מיט ערפאלג דיזע משוגענע היסטע־ריקע, זיינען די מיינערס פארטיג צו פאראייניגען זייערע אינטערעסען מיט די אייזענבאהן ארבייטער ארגאניזאציאנען און שטעהן מיט זיי אין א ווידערשטאנד צו די געפלאנטע אטאקעס אויף די וויי־דזשעס פון די ארבייטער".

מיר וועלען זיך ניט אונטערנעהמען צו זאגען נביאות, וואס פון דעם פאראיי־ניגונגס־פלאן וועט זיך אויסלאזען, אבער לויט אלע אומשטענדען צייגען, וועט דער פלאן זיכער פארווירקליכט ווערען. דער פאקט איז, דאס אן עהנליכער פארשלאג איז שוין געמאכט געווארען פון די מיי־נערס אין 1919 צו די אייזענבאהן־אר־בייטער. דאן האבען די אייזענבאהן־אר־בייטער דעם פארשלאג צוריקגעוויזען. מסתמא האבען זיי דאן געגלויבט, אז זיי זיינען זיכער מיט זייערע וויידזשעס און מיט אלע אנדערע פריווילעגיעס, וואס זיי האבען געקראגען. און אז זיי זיינען גע־ווען זיכער מיט זייערע וויידזשעס, טא וואס ארט זיי פאר אנדערע? די לעצטע עטליכע מאנאטען האבען אבער זיי גע־מוזט לערנען דעם נויטיגען לעסאן, און זיי וועלען איצט געוויס מיט מעהר אינ־טערעס זיך צוטראגען צו דעם פלאן פאר א פאראייניגונג פון די כחות.

און לויט באריכטען אין די צייטונ־גען, האבען שוין גאר פילע, פילע אייזענ־באהן־ארגאניזאציעס זיך ערקלעהרט פאל־שטענדיג איינפארשטאנען מיט דיזען פלאן. עס איז א סברא, אז שוין נעקסטע וואך וועלען זיך אנפאנגען די קאנפערענ־צען צווישען די ביידע גרויסע יוניאנס. און איינער דארף ניט האבען קיין צו גרויסע פארשטעלונגס־קראפט, אום אויס־צומאלען פאר זיך, וואס עס קען זיין, וואס עס מוז זיין דער רעזולטאט פון אזא פארבאנד. ווארים, אויב די אייזענבאהן־ארבייטער באזונדער זיינען א גרויסע מאכט, וועלכע טאר ניט און קען ניט אונ־טערשעצט ווערען, און אויב דאס זעלבע איז ריכטיג וועגען די מיינערס, איז אבער א פאראייניגונג פון די ביידע א מאכט, וועלכע איז ממש אונבאזיגבאר. געוויס טאר מען ניט ערווארטען פיל פון דער דאזיגער פארבינדונג אין דער באלדיגער צוקונפט. זיינען דאך די טאן־געבער פון ביידע ארגאניזאציעס גאנץ געמיטליכע, געזעטיגטע בירגער, וועלכע וועלען גע־וויס מורא האבען צו טאן א [illegible], וואס זאל זיין חלילה ניט אין איינקלאנג מיט „געזעץ און ארדנונג". און דאס וועט טא־קע זעהר נויטיג זיין, ווייל ס'קען גרייליך פאסירען, אז די רעגירונג זאל ערקלעהרען אזא מין פארבאנד פאר אונגעזעצליך. אן אויסרייד פאר דעם קען זיך שוין געפי־נען. דערפאר וועט דער פאראייניגונגס־פלאן מוזען אויסגעפירט ווערען אין אנ־פאנג מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט. אבער דאס אלעס איז פון קנאפער וויכ־טיגקייט. ווען דער פלאן איינמאל פאר־ווירקליכט ווערען, וועלען שוין דער קאנ־סערוואטיזם פון די פיהרער און אויך די מורא פאר די פארשיידענע מעכטע נאר ווייניג העלפען. די באוועגונג וועט דאן געטראגען ווערען פון איהר אייגענעם אימפעט. דאס לעבען אליין וועט פיה־רען די באוועגונג אין אלץ א מעהר און מעהר ראדיקאלער ריכטונג, צי די פיה־רער וועלען עס וועלען, צי ניט.

דער דזשענעראל־סטרייק אין דייטשלאנד.

עס איז שווער אין דעם איצטיגען מאמענט ארויסצוזאגען א פעסטע מיינונג אין באצוג צו דעם דזשענעראל סטרייק אין דייטשלאנד. עס איז געוויס אונבא־שטרייטבאר, אז די ארבייטער האבען ניט ערקלעהרט א סטרייק פאר וואויל־טאג. דער פאקט, דאס דער סטרייק־פי־בער האט ארומגעכאפט כמעט גאנץ דייטשלאנד אזוי, אז א ל ע ס סטרייקט, איז דער בעסטער באווייז, אז די לאגע פון די דייטשע ארבייטער איז א ווירק־ליך שרעקליכע, אן אונערטרעגליכע. פון דער אנדערער זייט אבער, אז מען נעהמט אין אנבאטראכט, אז דער סטרייק איז מעהרסטענס געריכטעט געגען דער רעגי־רונג, וועלכער קומט אויס צו ארבייטען אונטער די ערגסטע שוועריגקייטען, וואס א רעגירונג האט אמאל געהאט איבערצו־טראגען, און אז אן דער שפיצע פון דער רעגירונג שטעהען מעהרסטענס מענשען, וועלכע זיינען אליין געוועזען ארבייטער און יוניאן־לייט, און אלע סאציאל־דעמאקרא־טען, וועלכע וואלטען געוויס געוואלט טאן אלעס מעגליכע פאר די ארבייטער, ווען זיי וואלטען נאר געקענט, ווייל, ווי די ריכטיגקייט איז, איז דאך די איצטיגע רעגירונג מיט איהר עקזיסטענץ פארפליכ־טעט נאר צו די ארבייטער, וועלכע האבען דורך זייער דזשענעראל־סטרייק גע־מאכט צו נישט דעם גאנצען מאנאר־כיסטישען קאפ־פלאן צו שטירצען די רע־פובליק און איינצופיהרען צוריק דעם אל־טען רעזשים, — איז, ווען מען נעהמט דאס אין אנבאטראכט, קען מען ניט מיט'ן גאנצען הארצען סימפאטיזירען מיט די סטרייקער. געוויס, ווען די נויט איז גרויס, ווען דער ארבייטער האט קיים גע־נוג צו לעבען, ניט אבשטענדיג אויף זיין שווערער הארעוואניע, קען מען פון איהם ניט פארלאנגען, אז ער זאל זיין אזוי אב־יעקטיוו. ער וויל ניט וויסען פון דעם, וואס דייטשלאנד, אום צו קענען אויפ־האלטען איהר אונאפהענגיגקייט, מוז יעהרליך באצאהלען איהר ביליאנען צינז צו די זיגער. ער ווייס, אז ער איז הונ־געריג און נאקעט, כאטש ער ארבייט מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג, בעת אפילו איצט זיינען דא אין דייטשלאנד צעהנ־ליגע טויזענדע, וועלכע לעבען אין אלעם וואוילטאג. איז זיי טראגט די הארץ צו זאגען א שלעכט ווארט געגען אזעלכע סטרייקער? אין דער זעלבער צייט איז אבער אויך זעהר שווער ארויסצוקומען מיט א פארדאמונג געגען דער רעגירונג. ווארים מען מוז אנערקענען, אז ווארט די איצטיגע רעגירונג אין דייטשלאנד עס נאר געקענט, וואלט זי אודאי געטאן איהר מעגליכסטעס צופרידען צו שטעלען די ארבייטער כאטש מיט צוזווארפען א ביינדעל. וואס קען זי זיך אבער העלפען, אז אט דעם ביינדעל קען זי אויך ניט צוזווארפען, ווייל אלעס, אלעס, וואס דייטש־לאנד קען נאר אפשפארען, מוז עס אפ־געגעבען ווערען צו די זיגרייכע עליים.

דאס איז, אין קורצע ווערטער, די שווערע לאגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דער דייטשער ארבייטער און די דייט־שע רעגירונג. איז, אונטער די אומ־שטענדען, וואלט אפשר זיין פיל בעסער געווען, ווען די דייטשע רעגירונג וואלט געווען ניט קיין סאציאל־דעמאקראטישע, נאר אן אכט־קאפיטאליסטישע. ווייל עס איז פשוט הארצרייסענד צו זעהען, אז עס איז די דייטשע סאציאליסטישע רעגירונג, וועלכע האט קאנפיסקירט די פאנדס פון די יוניאנס; אז עס איז די סאציאל־דעמאקראטישע רעגירונג, וועלכע זוכט סקעבס, אום צו אונטערדריקען דעם גרויסען ארבייטער־אויפשטאנד; עס איז אויך מאדנע ווילד צו זעהן, אז די פיה־רער פון די יוניאנס און די אלגעמיינע פעדעראציע פון די ארבייטער יוניאנס פארדאמען די סטרייקערס. ווירקליך, א שווערע, א שרעקליכע לאגע, און קיינער קען ניט פאראויסזאגען, וואס וועלען די נעקסטע 24 שטונדען קענען מיט זיך ברענגען, אויב דער סטרייק־פיבער זאל זיך אלץ מעהר פארשפרייטען, און אויב עס זאל ניט געפונען ווערען א וועג, אן עהרווירדיגער וועג, ניט קיין בלוטיגער וועג, ווי צו מאכען א סוף צו דעם איצ־טיגען תהו־ובהו־צושטאנד אין דעם אונ־גליקליכען דייטשלאנד.

אונזער גראטולאציאן צו די דרעס־מאכער אין שיקאגא.

פון אלע ארבייטער אין אונזערע אינ־דוסטריען האבען זיי געהאט דעם גאנץ באזונדערען מזל צו קריגען אלעס, וואס זיי האבען זיך נאר געקאנט ווינשען, אתן די מינדעסטע אנשטרענגונגען פון זייער זייט, אויסער וואס זייערע פארשטעהער מיט פרעזידענט שלעזינגער בראש האבען געפיהרט פארהאנדלונגען מיט זייערע בעלי בתים, און אויף אזא אופן געפיהרט צו דער אויסמיידונג פון אירגענד וועל־כען קאמף. נאטירליך, זיינען מיר זיכער, אז ווען זיי וואלט אויסגעקומען צו קעמ־פען, וואלטען זיי געוויס ניט געבליבען פון הינטען. די דרעס־מאכער פון שיקאגא זיינען באקאנט אלס גוטע, ענערגישע, אונערשראקענע קעמפער, און זיי וואלטען געוויס אויך דאס מאל ניט פארשעהמט זייער רעפוטאציע. אבער, אז עס האט זיך אזוי געמאכט, און דער קאמף איז אויסגעמידען געווארען, כאטש זיי האבען ניט נאכגעגעבען דאס מינדעסטע פון אלץ, וואס זיי האבען פאר זיך געקראגען אין 1919, איז עס געוויס א פאקט, וואס קיי־נער פון זיי, גלויבען מיר, באדויערט ניט.

די ארבייטער טארען אבער ניט אי־מער ערווארטען אזעלכע פרידליכע זיגע. דאס וואלט געווען א גאנץ פאטאלער טעות. ווארים דאס וואלט אפגעשוואכט זייער איינינקייט, זייער יוניאן, און דאן וואלט נים נאר ניט געווען מעגליך קיין פרידליכער זיג נאר אפילו א זיג מיט א קאמף וואלט געשטאנען אין גרויסער סכנה. זאלען די ארבייטער געדענקען, אז וויכטיג ווי עס איז די גוטע איבערגעבע־נע פיהרערשאפט, וואס האט די נויטיגע פעהיגקייט צו פארהאנדלען מיט די בעלי בתים, איז אבער דאס וויכטיגסטע פארט די שטארקייט, די איינינקייט און די בא־רייטווילינקייט צום קאמף פון דער גאנ־צער מעמבערשיפ. מיר גראטולירען דא־רום די דרעס מאכער פון שיקאגא מיט זייער [illegible] פרידליכען זיג, ווייל מיר ווייסען, אז ווען עס וואלט געמוזט קומען צו א קאמף, וואלטען זיי איהם אויסגע־פאכטען אזוי ענערגיש און בראוו, ווי זייערע ברידער און שוועסטער אין ניו יארק. מען מוז דאס זאגען, אז אויך זייער איצטיגער זיג איז דער רעזולטאט פון זייער מאכט, פון זייער איינינקייט, וועלכע איז העכסט וואהרשיינליך געווען גאנץ גוט באקאנט זייערע בעלי בתים. אין דער זעלבער צייט זיינען מיר זיכער, אז זיי ווייסען, ווי אפצושעצען די גרוי־סע ארבייט פון פרעזידענט שלעזינגער, פון וויים־פרעזידענט סקוהלמאן און אלע אנדערע פיהרער זייערע, וועלכע האבען דורך זייער טאקט ניט דערלאזען צו א קאמף, און דאך פאר זיי געוואונען דאס בעסטע, וואס מען האט געקענט ערוואר־טען אונטער די אומשטענדען.

גוטע ארגאניזאציאנס ־ ארבייט צווי־שען די דרעס־מאכער פון ניו יארק.

מיר האבען נאר גוטעס צו זאגען וועגען דעם ארגאניזאציאנס־„דרייוו" פון אונזערע דרעסמאכער, אונטער דער פיה־רערשאפט פון דעם דזשאינט באארד פון דער דרעס־ און וויסט־אינדוסטריע. ווי עס זעהט אויס, האט זיך דער רענק ענד פייל גענומען מיט'ן גאנצען ערנסט פאר דער ארבייט צו מאכען יוניאן־שעפער פון די פילע אפען שאפס, וועלכע האבען זיך אזוי פאנאנדערגעפלאדערט אין ניו יארק, אדער זיי אין גאנצען ארויסטרייבען פון ביזנעס. געוויס וואלט עס געווען פיל בעסער, ווען די וויסט און דרעס יוניאנס וואלטען לכתחילה נאר ניט דערלאזען צו אזא צושטאנד אין זייערע אינדוסטריע. און דער פאקט, אז זיי טוען איצט די אר־בייט מיט א גאנץ היבשען ערפאלג, איז דער בעסטער באווייז, אז דער איצטיגער טרויעריגער צושטאנד איז ניט געווען אן אונפארמיידליכער. אבער איצט, אז עס איז געקומען דער נייער גייסט פון אר־בייט, פון איינינקייט, ווילען מיר ניט דערמאנען אן דאס געוועזענע. מיר האפען, אז דער צושטאנד פון אפגעלאזענ־קייט, פון אומזיסטע, נארישע רייסערייען וועט זיך שוין קיינמאל מעהר ניט צוריק־קעהרען. דאס נייטיגסטע, וואס איז צו טאן, אום אויפצוהאלטען די יוניאן אין איהר גאנצער קראפט, איז צו זארגען, אז די נייע מעמבערס, וואס ווערען אריינ־געבראכט אין דער יוניאן, זאלען פיהלען, אזוי ווי זיי וואלטען אריינגעקומען אין א פיל בעסערער אטמאספערע, ווי די, אין וועלכער זיי זיינען ביז איצט געווען. זיי זאלען, ווען זיי קומען אין דער יוניאן צו א מיטינג, פיהלען דעם ווירקליך־ערהויבענדען גייסט פון איינינקייט. נאר אויף אזא אופן וועט די איצטיגע ארגאניזא־ציאנס־ארבייט געקרוינט ווערען מיט אן אמת'ען ערפאלג.

באדענקט, ווי גרויס און שטארק עס איז אמאל געווען די וויסט און דרעס־מייקערס יוניאן. ווארום איז זי אפגע־שוואכט געווארען? ווייל די גרויסע מעמ־בערשיפ האט ניט געפונען די נויטיגע אנ־גענעהמע גייסטיגע אטמאספערע. אנ־שטאט וויכטיגע יוניאן־פראגען האט מען געקריגט זיך איבער א נעכטיגען טאג; אנשטאט צו זארגען פאר דעם, אז די יוניאן זאל ווערען אלץ שטארקער, האט מען אנגעפיהרט קליינליכע אינטריגען. און אזוי איז די יוניאן געווארען אלץ שוואכער און שוואכער. דאס טאר מעהר נים פארקומען אין דער צוקונפט, אויב מען וויל, אז דער איצטיגער ארגאניזא־ציאנס־דרייוו זאל זיין פון א דויערנדען ווערט. און מיר זיינען זיכער, אז די אר־בייטער, וואס באטייליגען זיך אין דעם קעמפיין און פאר וועמען קיין זאך איז נים צו שווער, אום צו ארגאניזירען די ארבייטער אין זייערע שעפער, וועלען זארגען, אז די ארבייט זייערע זאל ניט געהן אין גיזועץ, און זיי וועלען אויפ־פאסען, אז די יוניאן מיט אלע איהרע טעטיגקייטען זאל זיין, ווי אן אמת'ע יוניאן דארף זיין, פול מיט דעם גייסט פון איינינקייט און אמת'ער ארדנונג אין אלץ, וואס זי אונטערנעהמט.

נאך א ווארט וועגען די פראבלעמען אין אונזער אינדוסטריע.

די מינדליכע דיסקוסיאנען, פון וועל־כע פרעזידענט שלעזינגער איז דער איינ־לייטער, געהען אן אויסגעצייכענט. צו די פארזאמלונגען קומען פיל מעהר מענ־שען, וויפיל עס קענען אריינגעהן אין האל. דער עולם הערט זיך צו צו דער איינלייטונג מיט דער העכסטער אויפ־מערקזאמקייט און אויך די דעבאטען זיי־נען גאנץ לעבעדיגע, און וועלען געוויס ברענגען גוטע פרוכט. אבער, וואס אנ־באטרעפט דער דיסקוסיאן, וועלכע מיר האבען פארגעשלאגען דורך דער „גערעכ־טיגקייט", מיט דער קענען מיר זיך גאנץ ווייניג באריהמען. דער אמת איז, אז זי האט זיך אייגענטליך נאך נארנים אנגע־פאנגען. מיר האבען געקראגען א ברי־וועל פון א מעמבער וועגען דער צרה פון די קאפעדיישאן־שעפער, אין וועלכען עס

א קלאוקמאכער איבער די „קריטיקער" פון דער אינטערנעשאנאל

(א בריף צו דער „גערעכטיגקייט").

ווערטער רעדאקטאר:

איך וויל צו אייך שרייבען וועגען א סך זאכען. אויפ'ן הארצען איז מיר יום־טוב'דיג. עפעס האבען מיר דאך געהאט אזא זיג. עפעס האבען מיר דאך גער צוואונגען אונזערע מאנופעקטשורערס פון דער בארימטער „פראטעקטיוו אסאסי־איישאן", אז זיי זאלען זיך איינגאנצען אונטערגעבען, אבסאלוט איינגאנצען, אהן „אויבס" און אהן „ארערס", אהן דרייד־לאך און אהן קונצען. דאס איז דאך דאס ערשטע מאל ביי אונז און ביי אנדערע — ביי אלע ארבייטער פון גאנצען לאנד. מיר האבען דאך די לעצטע יאהרען גע־הערט נאר פון מפלות און מפלות פאר די ארבייטער. יעדע יוניאן, פון די גרעס־טע ביז די קלענסטע, האט דאך די לעצ־טע יאהרען געליטען מפלות. מיר זיינען ארויס די זיגער, פולע, גאנצע זיגער, איז מיר יום־טוב'דיג אויפ'ן הארצען. נא־טירליך, ווייס איך, אז מיר האבען נאך דורכצומאכען אלערליי פערהאנדלונגען, ביז די יוניאן אונזערע וועט קענען ווערן באפעסטיגט און האבען איינגעשטעלט ווייטערע באציהונגען און א נייעם אגרימענט מיט די בעלי הבתים. און אין דעם פרט, בין איך העכסט באגייסטערט, פאר דעם נייעם איינפיהר, פון „אפען פארומס" פאר קלאוק מאכער, וואו אונזערע באאמ־טע און „רענק און פייל" מיטגלידער וועי לען פריי דיסקוטירען די פראבלעמען פון אונזער אינדוסטריע. דיזער נייער מוּאוו פון ברודער שלעזינגער איז גאר ניט אפ־צושאצען און דאס, ווערטער רעדאקטאר, מאכט מיר צו שרייבען צו אייך דיזען בריף.

דאכט זיך, אלץ גוט, ניט אמת? אי א וואונדערבארען קאמף געפיהרט; אי א גלענצענדען זיג געהאט; און אי מיר נע־מען זיך צו טאן די ריכטיגע ארבייט; פונדעסטוועגען, האט איהר באמערקט ווי מען באפאלט אונז?

האט איהר געלעזען די „נייע וועלט־עמעס" פון לעצטער וואך? האט איהר געלעזען די „פרייע ארבייטער שטימע" פון לעצטע וואך? האט איהר געלעזען די „צייט" פון פארגאנגענעם שבת און זונטאג?

אין „צייט" זיינען געווען ארטיקלען פון א. וואהלינער, אין וועלכע ער פאר־דערט אונז אויף, מיר זאלען משפט'ען אונזערע פיהרער. יא, אזוי זאגט ער: „מ'דארף די קלאוקמאכער פיהרער משפט'ען". נו, וואס זאגט איהר צו דעם?

איך בין אייך שוין מוחל די חוצפה, וואס א מענשעל, וועלכער איז פאר קיי־נעם ניט פאראנטווארטליך, זאל ארויסקו־מען פאדערען א משפט איבער פאראנט־ווארטליכע פיהרער. וועמען משפט'ן? שלעזינגער'ן? פארוואס? ווייל ער האט אזוי גוט געפיהרט א סטרייק פון צעהנדליגע טויזענדער פאמיליען? ווייל ער האט באשיצט מיט אזא לייִדענשאפט דעם כבוד און דעם ברויט פון צעהנדליגע טויזענדער ארבייטער? ווייל ער האט אזוי בראוו געקעמפט פאר פרינציפען פון דער ארבייטער באוועגונג? וועמען משפט'ן? די אנדערע פיהרער אונזערע, וועלכע האבען טאג און נאכט געארבייט פאר אונז?

און ווער זאל עס משפט'ען? אפשר טאקי אזא מענשעלע, ווי א. וואהלינער? ווער איז ער? וואס האט ער געטאן אין זיין לעבען, אויסער זידלען מענשען דורך א פארזשאווערטע פען? ווי קליינליך, ווי געמיין, וואלט איך געזאגט!

נאר וואהלינער איז איין מענש — א מענשעלע; וואס איז אבער מיט דער צייטונג, וואס דרוקט אזא פראוואקאציע אנצומאכען טומעל און דרוקט עס פרא־מינענט? און די צייטונג שרייט דאך, אז זי קומט ראטעווען די ארבייטער באוועגונג! וואס פאר א ווערטל, איז עס ביי אייך שרייבער? איז שוין גאר ביי אייך קיין פאראנטווארטליכקייט ניטא?

אבער דאס איז נאך אלץ גאר ניט, דאס איז א הונט געגען דעם, וואס מען שרייבט אין די „נייע וועלט־עמעס" און אין דער „פרייע ארבייטער שטימע".

צוערשט וועגען דער „פרייע ארבייטער שטימע".

איך וועל אייך זאגען דעם אמת, אז ווען אונזער סטרייק האט זיך געענדיגט, בין איך געווען שטאלץ וואס איך בין א קלאוקמאכער. איך האב געמיינט, אז די גאנצע וועלט טאנצט מיט מיר. די אר־בייטער וועלט, די ארבייטער צייטונגען — ווי אוראי. מיר האבען דאך מיט אונ־זער קאמף באשענקט די גאנצע ארביי־טער באוועגונג. ווי אפט הערט מען דאס פון אזעלכע קעמפע און אזעלכע זיגע? נו, איך עפען דעם לעצטען נומער „פרייע ארבייטער שטימע". געוויס ניט מען אונז אונטער מוט, טראכט איך; מען גראטולירט אונז אוראי. אבער — וואס איז דאס?

ערשטענס, געפעהלט ניט דער „פ. א. ש." וואס אונזער גרויסע סטרייק קאמי־טע האט געהאט אן עקזעקוטיווע. זי רופט עס „צענטראליזירטע דעמאקרא־טיע" און נאטירליך טויג עס ניט, לויט דעם באגריף פון די איצטיגע אנארכיס־טען, פון דער „פרייער ארבייטער שטי־מע". אבער אנארכיסטען מעגען דאך אויך האבען לאגיק. ווי פיהרט די „פ. א. ש." איהרע איינענע ביזנעס? האט ניט די אסס'ן, וואס גיט ארויס די „פ. א. ש." א פארוואלטונגס־ראט? איך קען אונ־זערע אידישע יוניאנס, ווערטער רעדאק־טאר. וואו, אין וועלכע ארגאניזאציאן, האט מען נאר איינגאנצען א דזשענעראל סטרייק קאמיטע, אזוי ווי ביי אונז? ווי ווייט איך געדענק דעם לעצטען שניי־דער סטרייק, האב איך קיינמאל אין ער־געץ ניט געלעזען א באשרייבונג פון א מיטינג פון דער אמאלגאמייטער דזשע־נעראל סטרייק קאמיטע. ביי אונז האט מען דאך אפילו פון די מיטינגען פון דער עקזעקוטיווע פון די דזשענעראל סטרייק קאמיטע געשריבען אין די צייטונגען! — דארף מען מעהר „אפען דיפלאמאסי", ווי אזא פאליסי פון סטרייק פיהרער?

נאר לאמיר ניט פארגלייכען אונזער יוניאן צו אנדערע יוניאנס. ווען ביי דער אמאלגאמייטער איז „ראנג", מיינט עס ניט, אז אויך ביי אונז דארף זיין אזוי. אט לייגען זיך די פיהרער פון דער אמאל־גאמייטער אין דער לענג און אין דער ברייט, אז עס זאל אין זייערע שעפער איינגעפיהרט ווערען „סטענדערדס אף פראדאקשאן" און אונזערע פיהרער זיינען געגען. ווייל איך גאר אונזער יוניאן ניט פארגלייכען מיט אנדערע יוניאנס. אונ־זער יוניאן, שיינט מיר, איז די בעסטע אין דער וועלט. נאר הערט אן איינפא־כען ליגען פון דער „פרייע ארבייטער שטימע":

די גרעסטע צאהל רעדנער — שרייבט די „פ. א. ש." — זיינען אין אונזער סטרייק געווען אזעלכע, וועלכע זיינען גאנץ ווייט פון דעם ארבייטער'ס לעבען און ארט דענקען.

דאס איז דאך איינפאך ניט אמת. ווי זאגט מען דאס אזא ניט אמת, וואס מ'קען אזוי שנעל כאפען ביי דער האנד? עס איז דאך גראד אומגעקעהרט. מיט איינע אדער צוויי אויסנאהמען זיינען דאך אלע רעדנער געווען פון אונזערע אייר גענע רייהען! אונזערע ביזנעס אייר־דזשענטס, אונזערע מענעדזשערס, אונזע־רע אקטיווע מעמבערס — זיי זיינען דאך די רעדנער געווען און זיי זיינען עס „ווייט פון דעם ארבייטער'ס לעבען און ארט דענקען"?

וועמען, א שטיינער, זואלט די „פ. א. ש." געוואלט, אז מיר זאלען איינלאדען אלס רעדנער צו אונז. אפשר נאר, דר. מיכאעל קאהען? ער איז עס נאהענט צו דעם „ארבייטער'ס לעבען און ארט דענ־קען"?

ניין, איך וויל שוין בעסער, אז די פאליסי פון אונזער יוניאן זאל באשטימט ווערען פון אונז ארבייטער, ניט פון דיל עסטייט לייט — מעגען זיי אפילו זיין גאנץ גוטע געגאסען, ווען זיי ווערען פאר א ווייִלע אויס בורזשוען צוליב פארגעני־גען וועגען..

די „פרייע ארבייטער שטימע" וואלט געוואלט, אז אונזער קאמף זאל זיך פאר־וואנדלען אין א דעבאטען־קלאב. אלע 50 טויזענד סטרייקער זאלען זיך צוזא־מענקלייבען אלע טאג — און דעבאטי־רען. וואס פאר א בטלנים עס זיצען דארטען אין דער „פרייער ארבייטער שטימע!" און זיי רעדען פון ארבייטער סטרייקס! אבער די חוצפה צו זאגען, אז מ'האט אונז אלעמען אין סטרייק פאר־מאכט דאס מויל און מ'האט אונז געהאל־טען אין דער פינסטער — דאס איז אינ־טערעסאנט. דאכט זיך, מיר האבען גע־וואוסט פון יעדער קלייניגקייט אין דעם סטרייק. אפען און פריי איז אלץ געווען פאר אלעמען. ניין, די חוצפה איז ניט בלויז „אינטערעסאנט" — עס איז נידער־טרעכטיג!

ווארים, אליין שרייבט זי, די „פ. א. ש.", אז „איצט קאן מען שוין דערציילען פון א״ר — „נאר איצט קען די פרא־" הייסט עס, אז זי אליין האלט אויך, אז פיהרער, בעת דעם סטרייק, האט מען ניט געקענט אלץ דערציילען? און האלט זי ניט פון דעם — פארוואס האט זי גע־שוויגען? פארוואס האט זי אונז ניט אויפמערקזאם געמאכט אויף די פעהלע־רען און טירעניי פון אונזערע פיהרער אין מיטען סטרייק? איז עס דערפאר, ווייל דאן וואלט מען געקענט גיכער דערקענען, אז זי, די „פ. א. ש." איז אין איין קאמ־פאניע מיט אלע די, וועלכע ווילען צו־שטערען און צוברעכען אין דער ארביי־טער באוועגונג?

ניין, איך וועל דאס איהר ניט באשול־דיגען אין דעם. זי מיינט ניט קיין שלעכ־טעס. זי פארשטעהט בעסער ניט.

און דאס איז די צרה, ווערטער רע־דאקטאר. בטלנים ווילען זאגען דעות אין אונזערע יוניאנס און מיר אליין הערע־ווען די בטלנים ארום אונז!... און זיי האבען זיך שוין אזוי איינגעוועהנט מיט אונזער הארעוואניע אז זיי זיינען געווא־רען פאר „זיסען". זיי עסען אונזער ברויט — און סאבאטאזשעווען אונז!

אזוי די „צייט", אזוי די „פ. א. ש." און אזוי — און דא קום איך צו דער „הייליגקייט" אליין, צו — די „נייע וועלט־עמעס".

איך מוז אייך זאגען, ווערטער רעדאק־טאר, אז ווען איך האב אנומעלט געלעזען אייערען אן ענטפער צו א ברודער, איבער די מאכערס פון דער פעדעראציע און איהר האט יענע מאכערס אנגערופען „הינט" און „ושוליקעס", בין איך געווען אין כעס אויף אייך. איך בעט אייך איצט מחילה, פאר מיין כעס. א גרעסע־רע ושוליקעריי ווי עס איז געווען דער ארטיקעל אין לעצטען נומער „נייע וועלט־עמעס" פון צביון'ען, דארף מען שוין ניט האבען.

אמת, טאקי, אז ארומגעהענדיג אין די „קיבערטאריעס" הער איך, אז צביון האט אן אלטען כעס אויף ברודער שלע־זינגער. מ'זאגט, אז עס איז געווען ברו־דער שלעזינגער, וועלכער האט איהם גע־מאכט פאר אויס רעדאקטאר פון דער „נייער פאסט", וואס אונזער יוניאן האט אמאל ארויסגעגעבען. ברודער שלעזי־נגער האט איהם פשוט ארויסגעווארפען, ווייל ער, צביון, דער דאמאלסדיגער רע־דאקטאר אונזערער, האט געוואלט מאכען די „נייע פאסט" פאר פערזענליכע אינ־טערעסען. ער האט געוואלט דורך דער „נייער פאסט" זיך אפרעכענען מיט זיי־נע פערזענליכע געגנער און ברודער שלע־זינגער האט עס פארגעבראכט פאר'ן דזשאינט באארד. און ער, צביון, האט כלומר'שט רעזיגנירט. אבער צו דען, אז מ'האט פערזענליכע חשבונות מיט שלע־זינגער'ן, דארף מען זוכען צו אונטערגרא־בען די יוניאן אונזערע?

איך האב נאטירליך קיין מורא ניט. קיינער פון די צביון'ס וועט עס ניט קע־נען טאן. די קלאוק מאכער הערען זיך ווענינ צו, וואס די צביון'ס האבען זיי צו זאגען. אבער דאס שטעלט דאך אוועק צביונ'ען אין זיין אמת'ער ליכט — איהם און זיינע חברים — און אין א ליכט, דורך וועלכען מען דערזעהט זייער גאנצע מיאוס'קייט.

צביון דערצעהלט א מעשה, אז אונ־זערע פיהרער ווילען שטילערהייט ארייג־שמוגלען „סטענדארדס אף פראדאקשאן" אין אונזערע שעפער און ער רופט די קלאוק מאכער צו שטעהן אויף דער וואך.

דאס איז געמיין, דאס איז נידעריג.

אונזערע פיהרער זיינען דאך פון די אויסגעשפראכענסטע געגנער פון „סטענ־דארדס אף פראדאקשאן"!

ברודער שלעזינגער האט אין אלע זיי־נע סטרייק רעדעס באהאנדעלט די פרא־גע און אויספיהרליך ערקלעהרט זיין געג־נערשאפט צו דעם. נאך מעהר, אין זיי־נע רעדעס האט ברודער שלעזינגער גערו־פען אונז צום קאמף געגען „סטענדארדס אף פראדאקשאן."

צביון'ס שרייבעריי איז א פארלוימ־דונג!

צביון'ס פארגלייך צווישען די מעמבע־רען פון אונזער יוניאן און די מעמבערען פון דער אמאלגאמייטער איז שוין גאר — ווי זאל איך עס אנרופען?... עס פעהלט לשון, ווערטער רעדאקטאר. סידני היל־מאן, דער פרעזידענט פון דער אמאלגא־מייטער, איז געקומען אפען מיט די בי־טערע פילען פון „סטענדארדס אף פרא־דאקשאן". שלעזינגער, הייסט עס, וויל עס „ארומצוקערען". ווען איך וואלט גע־וואוסט, אז עס איז אין די־גרענעצען פון מיין רעכט צו קריטיקירען באאמטע פון אנדערע יוניאנס, וואלט איך אייך שוין עפעס געשריבען וועגען סידני הילמאן'ס „סטענדארדס אף פראדאקשאן", ווייל אין דער אמת'ן האט דאך זיין אגיטאציע פאר „סטענדארדס" א ווירקונג, אז אויך אונ־זערע באסעס זאלען דאס וועלען. און

(שלוס אויף זייט 14).

אפעראציע, דורך וועלכער ער זאל ווערען אויס מאנספארשוין, אויס זכר. דער אונגליק־ליכער איז מרוצה געווארען אויף דעם, און דער דזשאדזש איז געווען אזוי גנעדיג צו סוספענדירען דערוויל דעם אורטייל איבער דעם גנב, וועלכער האט ניט געקאנט געפינען קיין ארבייט, אום צו האבען גענוג ברויט פאר זיך און זיינע פינף קינדער. אויב די דא־זיגע פראקטיק זאל ווערען אלגעמיין, וועלען מיר באלד האבען א געזעלשאפט פון יעוונו־כען, ניט נאר גייסטיגע, נאר אויך קערפער־ליכע, און די סאציאלע פראגע וועט זיין גליק־ליך געלייזט.

די אינפלוענזא־עפידעמיע בושעוועט אלץ שטארקער און שטארקער אין ניו יארק. אבער, ווי די דאקטוירים ערקלערען, איז די איצטיגע אינפלוענזא ניט קיין שפאנישע, נאר א רו־סישע. דער חילוק צווישען די ביידע איז אט וועלכער: בעת די שפאנישע אינפלוענזא פלעגט אטאקירען מעהרסטענס מיטעל־יעה־ריגע מענשען, האט די רוסישע איהר גרעסטע שליטה אויף די זעהר אלטע און זעהר יונגע. עס איז אויך א גרויסע סברא, אז דער דא־זיגער אינפלוענזא־מיקראב האט א באזונדערע הנאה צו שפארען זיך דארט, וואו מענשען לעבען אין ענגשאפט. דוקא דארט, וואו עס איז גראם און נאו דער מיקראב וואלט גע־קאנט לעבען בהרחבה, דוקא דארט געפעלט איהם ניט. א פאסקודנער פראלעטארישער מיקראב.

דאגערטי, דער איצטיגער דזשענעראל אטארני, שיינט צו זיין א ווירדיגער יורש פון פאלמער, און די ענגלישע שפראך, וועל־כע איז אין פאלמער'ס צייטען באריינערט גע־ווארען מיט דעם ווארט פאלמעריזם, וועט בא־רייכערט ווערען מיט נאך א ווארט: דאגער־טיזם. מען שמועסט וועגען א סטרייק פון די קוילען־מיינער דעם ערשטען אפריל, האט אונזער דזשענעראל אטארני שוין באצייטענס געלאזט וויסען, אז ער וועט עס ניט דערלאזען; אז ער וועט שטעהן פעסט אויף דער זייט פון אפען שאפ. ער איז גוט גענוג צו ערלויבען די ארבייטער זיך צו ארגאניזירען אין וויפיל יוניאנס זיי ווילען, אבער ער וועט זיי קיינ־מאל ניט ערלויבען אפצוברעכען דעם אפען שאפ. היינט געה מענה מיט אזא בעל־יושר און אזא שטרענגען לאגיקער!

קאנגרעסמאן דזשאהנסאן האט אין זיינער א רעדע פאר דער פרויען־אבטיילונג פון דער נעשאנאל סיוויק פעדערישאן ערקלערט, אז די איינציגע פראטעסט־געשרייען, וואס הערען זיך געגען די באשרענקונג פון אימיגראציע, קו־מען פון די סטימשיפ־קאמפאניעס און פון דער פרעמד־שפראכיגער פרעסע. אביסעל אמת איז דא אין דעם. אבער אונזער קאנגרעסמאן האט פארגעסען אז די מיליאנען און מיליא־נען מענשען אין איראפא, וועלכע פרא־טעסטירען, וואס א הונדערט מיליאן מענשען האבען פאר זיך פארמאכט א לאנד, וואו עס קענען לעבען בעקוועם 10 מאל אזוי פיל. וועגען דעם פראטעסט, וועלכער קען אמאל גע־רען גאנץ געפעהרליך פאר אמעריקא, האט דער קאנגרעסמאן גאר אין גאנצען פארגעסען.

אז איהר ווילט, קענט איהר באטראכטען די אלע צייטונגס־„קריטיקען" פון דעם גרוי־סען זיג פון דער אינטערנעשאנאל פאר דעם גרעסטען קאמפלימענט. ווי באלד די אינטער־נעשאנאל איז אזוי שטארק, אזוי קלוג, האט זי דאך טאקע בעדארפט אויספיהרען ניט נאר צו קריגען די באדינגונגען פון אלטען אג־רימענט, נאר פארוואס טאקי ניט אויך א רייז אויף די וויידזשעס אויף א 25 פראצענט, א פארקירצונג פון דער ארבייטס־וואך, ווענינ־סטענס אויף פערציג שטונדען, און פארוואס טאקי ניט ארויסווארפען די באסעס אין גאנ־צען פון די שעפער, און אליין ווערען די בעלי־בתים? איז דער תירוץ א גאנץ איינפא־כער: פרעזידענט שלעזינגער און די אנדערע פיהרער פון די קלאוקמאכער ווילען האבען זייערע דזשאבס. קענען זיי דאך ניט באגעהן זעלבסטמארד און ברענגען די סאציאלע רע־וואלוציע פאר די קלאוקמאכער!

שרייבט גלייך!

שרייבט א בריוועל צו וועמען איר ווילט אליין, וועלכע וואוינען אין ניו יארק און אומגעגענד און איהר קאנט זיכער זיין צו קריגען גלייך אן ענטפער, ווארים עס וועט ניט דארפען דורכגעהן דעם רעגעלען פאסט אפיס. די יוניטי הויז קאמיטע, וועלכע האט ארראנזשירט פאר דינסטאג אוונט, וואשינגטאנ'ס געבורטסטאג, דעם 21טען פעברואר, אין ניו סטאר קאסינא, א באל, איז זיכער, דאס אירגענד וועמען איהר וועט וועלען שרייבען, וועט דארטען זיין. קויפט זשע גלייך טיקעטס, וועט איהר זי־כער זיין, דאס איהר וועט ניט דארפען ווארטען אין „ליין" און וועט זיך זעהן מיט וועמען איהר ווילט.

ווען אן אינטערעסירטער צווישען זיי, איז ע… זיין לאנג אפגעווייזט געווארען פון דע… איינהאלטעניש, וואס האט אינטערעסירט … אפיציעלע ביים גאנצען. ביידע פא… טייען זיינען פון די קאפיטאליסטישע … דעם פון די וועלכע אינדוסטריעלע אי… פינאנציעלע אינטערעסען, און דערפא… קיינען זיי טאן זייער ווילען. דער איי… ציגע אונטערשייד צווישען זיי א… אפשר דער וואס די רעפובליקאנער פאר… טיי איז דורך און דורך קאפיטאליסטיש… ווערענד די דעמאקראטישע איז אפיצי… א ביסעל ווייניגער. אבער די וועלב… פארטייען האבען אנגעהאלטען זייער עק… זיסטענץ און אפילו זייער גאנצקייט … דאנק זייערע אמאליגע טראדיציעס א… היסטאריש א דאנק דער קאפיטאליסט… פון זייערע אנהענגער. … א רעפו… דראט אדער רעפובליקאנער אין די פאר… אייניגטע שטאאטען איז אין די לעצ… טע פאר יאהרען געווען ניט א זאך פון אי… בערציינגונג, נאר א זאך פון געבורט. בי… רעמאקראטישע עלטערן איז געוועהנלי… געבארען געווארען א דעמאקראט און בי… רעפובליקאנישע — א רעפובליקאנע… פונקט ווי ביי ווייסע עלטערן ווערט גע… וועהנליך געבארען א ווייס קינד און בי… שווארצע — א שווארץ קינד. עס וו… נען דא נאטירליך אויסנאהמען, אבע… אויסנאהמען, ווייסען מיר, באשטעטיג… בלויז א כלל.

ווייל עקאנאמישען און סאציאל… בארען האבען די דעמאקראטישע און ר… פובליקאנישע פארטייען שוין לאנג פא… לארען און ווי האבען זיך געקענט הא… טען נאר א דאנק דער בלינדער, ניט דע… קענדער און דורכאויס אומבאגרינדעט… לאיאליטעט פון זייערע נאכפאלגער, ווא… ווייגען נאך ווי נאכגעגאנגען בלינד א… געהארכזאם, וואוהין זיי זאלען ניט פי… רען.

און אט די בלינדע לאיאליטעט ווער… איצט געדראהעט אין א סך א גרעסער… מאסשטאב ווי ווען עס איז פריהער.

נאטירליך, דער איצטיגער בלאק א… ניט איבעריג געפעהרליך, אבער עס א… דא א מעגליכקייט, אז עס זאל אנשטע… א סך און אגרעסיווערער „בלאק". … קען נאך א מאל געמאלט זיין א פא… איינינונג צווישען די פארמער און … ארבייטער און דאן וואלט ווירקליך … ווען אוים שלום מיט „וואל סטריט".

אמת, אט די לעצטע געפאהר וועו… ניט אויס צו זיין זעהר נאהענט, אב… אין די קרייזען, וואו עס ווערט געמא… פאליטיק, קוקט מען געוועהנליך גא… ווייט און פאראויס.

די נייע סדרה פארמער ::

פון א. ווערזין

עס וואקסט איצטן די סדרה פארמער אין אמעריקא. האט זיך נאך וואס פארענדיגט אן אזוי גערופענע נאציא־נאלע קאנווענשאן, וואס איז פארזאמלט געווען פון פיל אנדערע, ווי טאקי פון אלערליי פראגרעסיווע פארמער און פעבריק ארבעטער און וואס … א צווייטע פארטיי … וואס איז ניט פארטראטען געווארן פון פארמער־ארגאניזאציעס צו דער פאליטיק. … די … זיינען מיט … צו די פאר־מער … פאר ווייטע … און מיט … אויף ווייטע „פאר־מער" … דעם …, פארשטערט … דער אזוי גערופענער „פארמער בלאק" אין קאנגרעס. עס נעמט ניט איין … דער טאג, אז איינער וועל־כע פון די גרויסע קאפיטאליסטישע צייט־טונגען אין ניו יארק און … אין די אנדערע גרויסע אינדוסטריעלע שטעט אויך … ניט אנשטענדיג אויף דעם פאריגען „בלאק" איהרע … און איהם ניט פארצייטען … פון איהר … פון איהר פאראויס. מיט איין ווארט עס איז פרעהליך אין שטעדטעל!

וואלט מען דאך געקענט מיינען, אז די … לויט דעם טומעל און געפיל דער אין די צייטונגען, אז די וועלט קערט זיך איבער, אז דער „פארמער בלאק" נעהט חלילה מאכען אן איבערקעהרעניש אין אמעריקא. הויבט זיך דאס אפילו ניט אן! דער „פארמער בלאק" באַ־שטעהט פון רעפובליקאנער פאליטי־שענס, ווי כמעט אלע איבעריגע וואס פארנעהמען די … אין סענאט און אין דער רעפרעזענטאנטען־הויז. די הויפט גבורה פון דעם „פארמער בלאק" ליגט, ווי ביי אלע איבעריגע סענאטארען און קאנגרעסלייט אין זייער צונג — ווי זייער גוואלדיגע בריות אויף ריידען. ווען עס קומט צו מעשים, טוען זיי אזוי ווי אלע אנדערע — גארנישט, אדער אזוינס וואס האט קיין ממשות ניט. דער פארמער בלאק האט נאך דערווייל גאר־נישט ניט אויפגעטאן וואס זאל ניט קריגען די הסכמה פון פרעזידענט און די „בעסטע מוחות" פון זיין ארמיניסטרא־ציע. איז דאך די קשיה; וואס איז דער גוואלד אזוי גרויס? — איז דער תירוץ פאליטיק.

אבער קודם כל א פאר ווערטער ווע־גען דעם פארמער־בלאק.

דער פארמער־בלאק בעשטעהט אומ־געפעהר פון א דרייסיג מיטגלידער פון די אגריקולטורעלע שטאאטען אין סענאט און ארום וועכציג מיטגלידער אין דער רעפרעזענטאנטען הויז. ארויסגערופען געווארען צו לעבען איז ער פון די טרויע־ריגע אומשטענדען, אין וועלכע דער פאר־מער, אדער די אגריקולטורעלע אינדוס־טריע, געפינט זיך. און אז די לאגע פון דעם פארמער איז איצט א טרויעריגע איז איבעריג צו ריידען. דאס האט אפילו צוגעגעבען אונזער פרעזידענט אליין אין זיין ערעפנונגס־רעדע אויף דער „פארמער קאנפערענץ". דער צוועק פון דעם פאר־מער „בלאק" איז צו סטימולירען די גע־זעצגעבונג, ווי למשל מחיה מתים צו זיין די „וואר פינאנס קארפארעישאן", צו העלפען געפינען מארק פאר דעם פאר־מער'ס פראדוקטען; דעם קאנטראל־גע־זעץ איבער דער „פעקינג" אינדוסטריע; א געזעץ צו רעגולירען ספעקולאציע אין תבואה און כרומת. איז אבער די מעשה, וואס אט די אלע געזעצען זיינען אנגע־נומען געווארען ערשט נאך דעם ווי מען האט ביי זיי, ווי זאגט מען עס אויפ'ן פאליטישען לשון, „ארויסגעשלעפט די צייהנער" און ווי קענען ניט בייסען. אין אנדערע ווערטער — זיי האבען קיין ווירק־קונג ניט.

דאס אויפלעבען פון דער „וואר פי־נאנס קארפארעישאן" איז פון אנפאנג גע־ווען געציילט צו טרעפען דעם מיטעלמאן, דעם פארמיטלער צווישען דעם פארמער און דעם נעמרוכער. דער ביל איז אבער אזוי געענדערט געווארען, אז דער פאר־מער זאל זיך ניט קענען א ריהר טאן אהן די באנקירען, קאמישאן מוירטשענטס און עקספארטערס, וואס נעהמען צו דעם ליי־בען־טייל פון זיין הכנסה. אומזיסט האט סענאטאר נאריס, דער איניציאטאר פון דעם פראיעקט, געגען דעם פראטעסטירט. ער איז פשוט און בוכשטעבליך צוזאַ־מענגעבראכען פראטעסטירענדיג, אבער איהם איז קיין זאך ניט געלונגען. דער ביל איז שטענדירט געווארען און איז אנ־גענומען געווארען טאקע מיט די שטימען פון די וועלכע „בלאק"־מיטגלידער.

דער געזעץ צו רעגולירען דעם פלייש־טראסט האט אויך קיין ציינער ניט. עס איז אויך פון קאמפען ווערט דער לעצטער איינער פון זייערע … אריינצוועטען אין דער … א פארמער, א „רייכע" פארטיי, אדער … פון איהם. … אפילו אנ־געהמען, אז די פארמער זיינען גערעכט מיט זייער טענה, אז די פעדערא(ל) רי־זערוו באארד, די העכסטע באנק אינ־סטיטוציע אין לאנד, איז טאקע פאר־אנטווארטליך פאר דער צושטאנד פון פאר־מער, וואס יעצט אבער איין פארמער־פארטרעטער קענען אויפטאן געגען די איבעריגע … אדער אבער מיטגלידער פון דער באורד, וואס זיינען ווייטער באנ־קירען אין … דירעקט אדער אומדי־רעקט, פארטרעטער פון דעם גרויסען קאפיטאל?

איז דער תירוץ, אז ער וועט טאקע גארנישט קענען טאן; און דאס ווייסען זעהר גוט די „פרינצען פון פינאנץ" ווי … רופט זיי, און דאס קען טאקע ערקלערען פארוואס די אד־מיניסטראציע און די „בעסטע מוחות" אין קאנגרעס האבען געלאזט אראפשלינ־גען דעם נייעם איינפאל פון דעם „בלאק". באמת איז דער „בלאק" ניט געגאנגען איין טריט ווייטער פון דעם אלטען, אויס־געטרעטענעם פאליטישען וועג צו שפי־לען זאמד אין די אויגען פון דעם בירגער און מאכען איהם גלייבען אז מען טוט פאר איהם עפעס אין דער צייט וואס מען טוט גארנישט. ווי זיך נאר האנד־לען ווענען עפעס א ראדיקאלער רעפארם, א רעפארם וואס וואלט טאקע באמת גע־קענט אנריהרען די אויבערהערשאפט וואס „וואל סטריט" האט איבער'ן לאנד, וואלט דער „בלאק" געוויס ארויסגע־צייגט זיין ריכטיגע פנים און וואלט באַ־וויזען זיין אמת'ען קאליר.

פאר וואס זשע שטורעמט געגען איהם די גאנצע „וואל סטריט" פרעסע און פאר וואס זיינען די „בעסטע מוחות" פון דער ארמיניסטראציע אזוי פארזארגט וועגען איהם?

עס איז דא א תירוץ אויך אויף דער קשיה. עס איז דא א געפאהר אין דעם „בלאק", אדער ריכטיגער אין זיין טענ־דענץ, און א גאנץ באדייטענדע דערצו. די געפאהר ליגט ניט אין דעם איצטיגען באטרעפענדען „בלאק", נאר אין דעם פרעצעדענט וואס ער האט געשאפען.

קודם כל איז זעהר געפעהרליך די טענדענץ פון גרופען, אדער קלאסען פאר־טרעטערשאפט, וואס דער „בלאק" האט אריינגעבראכט אין דעם אמעריקאנער פאליטישען באוואוסטזיין. ביז איצטער האט מען געוואוסט, אז דער קאנגרעס פארטרעט די אינטערעסען פון דעם גאנ־צען פאלק, אהן קיין אונטערשייד פון קלאסען אדער גרופען. אמת, דער קאנ־גרעס פלעגט טאן געוועהנליך דעם ווילען פון איין איינציגען קלאס — דעם קא־פיטאליסטישען קלאס, אבער דאס פלעגט געטאן ווערען בכדי פאר דעם וואוילזיין פון גאנצען פאלק. יעדענפאלס דער קאפיטאליסטען קלאס איז קיינמאל ניט געווען אפיציעל פארטראטען פון א „בלאק" אין קאנגרעס. דער גאנצער קאנגרעס איז געווען גאנץ אפט זיין „בלאק", אבער דאס איז ניט געווען אפי־ציעל.

די פארמער האבען די ערשטע געהאט די העזה צו צייגען זייערע פארטרעטער ארויסצוטרעטען אפען אין פארטיידיגונג פון זייערע אינטערעסען. דאס קען הא־בען א שעדליכע ווירקונג אויף אנדערע קלאסען און שיכטען אין דער געזעל־שאפט, ווי א שטייגער די ארבייטער.

עס איז אבער דא נאך א געפאהר, און א סך א גרעסערע. די געפאהר ווארפט זיך ניט אזוי שטארק אין די אויגען, אבער אז מען טראכט זיך איין איהר א ביסעל אריין, זעהט מען אז זי איז גאר ניט קיין איבערטריבענע, ווי די מעהרסטע אמעריקאנער „געפאהרען" זיינען. דאס איז די געפאהר פון דער צוויי־פארטייען־הערשאפט אין אמעריקא. דער „בלאק" האט אפגעשאפט אלע פארטיי־גרענעצען. אין דעם „בלאק" זיינען פארטראטען דעמאקראטען אזוי גוט ווי רעפובליקאנער. אמת, דער „בלאק" האט דערווייל גארנישט אויפגעטאן אויפ'ן גע־זעצגעבענדען געביט, אבער ער האט באַ־וויזען צו ברעכען אלטע, פאראייליגטע פארטיי טראדיציעס און אפצושאפען די פארטיי דיסציפלין.

עס איז שוין, א צופיר באקאנטער פאקט, אז מען זאל דארפען וועגען איהם פארלירען א סך רייד, אז דער אונטער־שייד צווישען די צוויי גרויסע הערשענ־דע פארטייען איז אזוי קליין, אז מען קען איהם ניט באמערקען אפילו מיט א מיקראסקאפ. אויב עס איז אמאל גע־

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

דאס ווערטעל: „דער רבי האט געהייסען פרעהליך זיין", דארף אויף דעם פארלאנג פון מעיאר היילאן איבערגעזעצט ווערען אין דעם ווערטעל: „דער מעיאר האט געהייסען שמייב־לען". די דאזיגע עצה טובה האט ער איבער־געלאזען ניו יארק אלס פארזיצענדער פאר זיין ... נאך פאלם ביטש, וואו עס איז איצט זומער, און וואו מענשען באדען זיך אין ים און אין אלע אנדערע פארגעניגענס. שמייבעלט! רופט צו דער מעיאר צו זיינע געטרייע ניו יארקער, איהר מעגט גע־שוואלען ווערען פון הונגער, איהר מעגט ניט האבען וואו אייער קאפ אוועקצולייגען, אבער, געוועהר מיינער, שמייבעלט. ווארים, ווארנט אייך דער מעיאר, די וועלט האט ניט ליב די מענשען מיט פינסטערע, פארכמארעטע פנים'ער. זאל דער, וואס וויל זיין פאפולער, הא־בען דאס אין זינען. ער פארזיכערט אייך, אז דער שמייבעל וועט אייך שטארקער מאכען ווען אלעס געהט מיט'ן פושער ארפ, און אייך העלפען אריבערטראגען אלערליי צרות. מעגען די צרות זיין גרויס, ווי א בארג, וועט דער שמייבעל זיי מאכען אזוי קליין, ווי א זעמדעלע. ניט אומזיסט ריידען מענשען פון אונזער מעיאר, אלס דעם צוקונפטיגען פרע־זידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען. ווייל איהר מעגט זיכער זיין, אז ווען דער עולם וועט האבען צו וועהלען צווישען הארדינג מיט זיינע קאנפערענצען און מעיאר היילאן מיט זיין שמייבעל־טעאריע, וועט דער עולם זיכער אויסוועהלען דעם לעצטען.

די פראנצויזישע רעגירונג מוז מאכען עק־נאמיע אין איהרע הוצאות. האט זי פאר דעם צוויי וועגען: אדער פארקלענע־רען באדייטענד איהר ארמיי, אדער אפזאגען טויזענדער און טויזענדער, וועלכע טוען פאר־שידענע פרידליכע ארבייטען, ווי שרייבער, רעכענער, טייפרייטערן און ז. וו. האט זי אבער באשלאסען בעסער צו טאן דעם לעצטען. זי האט אנגעהויבען אפזאגען פון פארשידענע אפיסעס פילע, פילע מוידלאך. מען רעכענט אז ווען דער פראצעס פון „האקען קעפ" וועט זיין געענדיגט, וועט די צאהל געפאלענע קעפ ניט זיין ... ווי פופציג טויזענד. דאן וועט מען זיך נעהמען צו די מענערשע קעפ. און אזוי וועט די רעגירונג איינשפארען יעהרליך די סומע פון 26 מיליאן דאלאר. די גאנצע געשיכטע קלינגט זעהר מאדנע. אויב די ארבייט פון דער רעגירונג קען אויסגעטאן ווערען איצט אהן די 50 טויזענד מוידלאך, צו צו וועלכע גוטע יאהר האט מען זיי ביז איצט געהאלטען?

לויט דעם באריכט פון דער לאקוואוד קא־מיטע איז ניו יארק קורץ אין 80 טויזענד היימען, און די לאגע אין דעם פעלד פון וואוי־נונגען, איז איצט א פיל ערגערע, ווי איידער די נייע רענט־געזעצע זיינען אנגענומען גע־ווארען. און דער געדאנקען נאך זאלט, וועל־כע האפנונגען די נאאיווע ניו יארקער האבען געלעגט אויף די נייע רענט־געזעצע, און ווי־פיל מענשען האבען זיך ממש געבענשט מיט אונזערע גוטע, פרומע געזעצגעבער פון אל־באני.

די וואך האט א מיטעל־יעהריגע פרוי פון 45 חתונה געהאט מיט א יונגען מאן פון 23, און די צייטונגען זיינען געווען פול מיט דעם. פארוואס? דאס איז דאך א זאך, וואס איז „סטריקטלי פריוואט"? איז דער תירוץ, די פרוי איז רייך, דער יונגער מאן איז ארעם, איז דאך דאס א קלארער באווייז, וואס פאר א לאנד מיט „אפארטוניטיס" אמעריקא איז פאר דעם ריכטיגען יונגען מאן. און דער יונגער מאן איז שוין גאר פון די ריכטיגע: אין רוסלאנד האט ער געדינט אין קאלט־שאק'ס ארמיי געגען די באלשעוויקעס. אזא יונגער מאן האט פארשטענדיג פארדינט דעם גליק, וואס האט איהם דא געטראפען.

אין די צייטונגען ווערט איבערגעגעבען, אז מר. יוזף פריוט, דער דזשענעראל ארגאניי־זער פון דער א. פ. אוו ל. אין ניו יארק, זאל האבען געזאגט, אז „ניט מעהר ווי איין פראָ־צענט פון די טויזענדע מענער און פרויען, וואס סטרייקען אין דיזען לאנד, פארשטעהען ענגליש און דערפאר קענען זיי לייכט בער־מאכט ווערען די קרבנות פון די, וועלכע פלאנ־צען איין אין זיי די קערנער פון רעוואלו־

ציע". לויט דעם קומט אויס, אז די ג… ארבייטער־באוועגונג איז גארניט קיין … ריקאנער, אז די באשעפטע דורכאויס פון … אימיגראנטן. איז אויב אזוי, טו ווי פאסט … פאר יוזף פריוט צו זיין דער דזשענעראל … גאניזער? ניט אנדערש, אז דער רעפארטער … האט משונה'דיג פארדרעהט פריוט'ס ווער… עס איז שווער צו גלויבען, אז פריוט … האבען געזאגט אזא נארישקייט.

אויף דעם געוועזענעם דייטשען קר… פרינץ קען מען מיט רעכט זאגען, אז … באהאלט זיך הינטער א ווייבערשער ספ… פון פראנקרייך האט מען איהם געגעבען … פארשטעהען, דאס זאל ער זיך נאר א ריהר … פון זיין האלענדישען אינזעל און פון … טער דעם שוץ פון דער האלענדישער קעני… און זאל ער מאכען א פארזוך צוריקקומען … דייטשלאנד, וועט ער גלייך געשטעלט … געריכט פאר זיינע שרעקליכע מעשים אין … צייט פון מלחמה, לויט דעם ווערסאליער … טאג. דער קרוין־פרינץ האט פארשטאנען … וואונק, און דערווייל בלייבט ער אויף … אינזעל.

טראצקי האלט די גאנצע גענוא־קאנפע… אלס א פאסטקע פאר רוסלאנד. ער מיינט … די גאנצע קאנפערענץ האט נאר אין זינען … מאכען די באלשעוויסטישע רעגירונג … קלענערען איהר ארמיי, וואס דאס קען … רוסלאנד גאר אונגליקליך. עס איז מערקו… דיג, ווי א מענש בייט זיך אום! טראצ… דער שטארקסטער פאציפיסט און אנטי־מ… ריסט, איז איצט, דורך די אירוניע … שיקזאל, דער שטארקסטער פארטיידיגער … אויפהאלטער פון מיליטאריזם.

די געבורטס־קאנטראל־פראפאגאנדע האט … יעקימא, וואשינגטאן, געהאט א גאנץ שנ… ווירקונג, ווי די פראפאגאנדיסטען פון … אידעע האבען זיך אמאל פארגעשטעלט … פארלאנגען, אז עס זאל זיין געזעצליך … לויבט דעם מאן און די פרוי צו דערוו… זיך פון געוויסע מיטלען, ווי צו פארה… דאס האבען פון קינדער, ווען די על… ווינשען זיי ניט. האט א דזשאדזש אין … מא, וואש., ווען פאר איהם איז פארגעק… א מאן, וואס האט גע'גנב'עט א שטיקל … אין א בוטשער סטאר, ווייל ער איז ארב… לאז, און האט נאך דערצו 5 קינדער, … פארגעשלאגען, אז ער זאל זיך לאזען … רוליזירען", ד. ה. זיך אונטערווארפ…

אלערליי פון קליוולאנד

פון מ. פערעלשטיין

רימעל און ערר און אינדזשאנקשאנס.

צוויי אינדזשאנקשאנס האבען מיר יעצט געגען אונז אין קליוולאנד און ביז מיר וועלען פארטיג ווערען מיט די סטרייקס, וועלען מיר געוויס האבען נאך א פאר. איין אינדזשאנקשאן איז געגען אונז ארויסגעגעבען געווארען אין קליוולאנד, די צווייטע אין דער שטעטעל פיינסוויל.

און אלעס פון דרעוועבער פירמע: לאנדעסמאן הורשהיימער קא. די אינדזשאנקשאנס זיינען מאקי גאנץ שטרענגע, מעהר ווי 2 פיקעטס טארען זיך ביים שאפ ניט געפינען. די פיקעטס דארפען זיין דערוויטערט ביי דעם קלוירה אין האורט און דארפען טראגען בעדזשעס. ארום שאפ דארף מען זיך האלטען אזוי, אז טאמער קריכט ארויף א פליג אויף דעם נאז פון א פיקעט, טאר ער איהר ניט ארונטערטרייבען. און נאך אלעמען קאן די פירמע קיין הלואות אליין ניט מאכען.

וועהענדיג, אז די אינדזשאנקשאנס מאכען ניט קיין הלואות, האט די פירמע אנגעפאנגען שיקען ליבע-בריוולאך צו די סטרייקערס, צו קומען צו דער ארבייט. זי שיקט אויך שלוחים צו די סטרייקערס אהיים צו קומען ארבייטען. איינער פון די שלוחים צו די סטרייקערס האט זיך אזוי ביטער צוויינט ערקלערענדיג, ווי די פירמע פיהלט דיסאפאינטעט פון די סטרייקערס, ווי זיי האבען איהר פאראטען, ווי די פירמא האט געדענקט, אז 80 פראצענט וועלען פארבלייבען אין שאפ ווען דער סטרייק וועט גערופען ווערען, לסוף זיינען זיי אלע ארויס און רענקען גארניט זיך אומקערען צוריק, סיידען ווייערע פארדערונגען וועלען נאכגעגעבען ווערען.

יעס, די אינדזשאנקשאנס, מיט די לאיערס מיט די דזשאדזשעס קאנען קיין הלואות ניט מאכען און די לאנדעסמאן פירמא געפינט דאס יעצט געבאך אויס.

די 25 הונדערט דאלאר דעמעדזשעס.

מיט מאנאטען צוריק האט דיזעלבע פירמע לאנדעסמאן הורשהיימער קא. דאן געהאט אן אגרימענט מיט דער יוניאן און די ארביטרייטארס האבען דאן באשלאסען, אז די פירמע טאר ניט שיקען קיין ארבייט צו א קאנטראקטאר אין דער שטעטעל פיינסוויל. די פירמע האט דאן דעם אורטייל פון די ארביטרייטארס אפעלירט אין קאורט, און בעת דזשאדזש פון דער ליכטיגער שטעטעל פיינסוויל האט דער פירמע ארויסגעגעבען אן אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן און האט אויך באשטראפט די יוניאן מיט 25 הונדערט דאלאר דעמעדזשעס. די יוניאן האט דאן די קייס אפעלירט אין א העכערען קאורט און דער אפיעל ווערט פארהאנדעלט דיזע וואך. ניזמאן ה. בייקער, דער געוועזענער קריגס-סעקרעטער, איז דער לאיער פאר דער יוניאן אין דער קייס.

דער סייענטיפיק סטאנדארד און פראדאקשאן.

דיזען סיזאן האט מען אנגעפאנגען איינפיהרען דעם סטאנדארד אוף פראדאקשאן ביי די אפערייטארס. ביז יעצט זיינען געווען די פרעסערס די איינציגע וואס האבען געארבייט אויף א סטאנדארד.

די צוויי שעפער, וואו דער סטאנדארד איז שוין איינגעפיהרט געווארען פאר די אפערייטארס, איז די סאנענשיין קלאוק קא. און קאמפען בראס, א דרעס שאפ. היינטיגע וואך איז געווען די ערשטע וואך וואס די אפערייטארס אין די שעפער האבען געהאט זייער ערשטע פיי, ארבייטענדיג אויף דעם סטאנדארד. די וויידזשעס פון די אפערייטארס פון די סאנענשיין קלאוק קא., וואו עס ארבייטען עטליכע און צוואנציג קלאוק אפערייטארס, איז געווען 50, 60, 65 ביז 80 דאלאר פאר דער וואך. אין דעם שאפ פון קאמפען בראס., וואו עס ארבייטען א סך פרויען, זיינען די פארדינסטען פון די פרויען געווען 35, 40, 45 און 50 דאלאר א וואך. די פארדינסטען פון א צאהל מענער איז געווען ביז 60 און 65 דאלאר א וואך.

די מעהרסטע פון די אפערייטארס אין דיזע צוויי שעפער גיבען שוין צו אז דער סטאנדארד אוף פראדאקשאן איז ניט שטארק ערגער פון שטיק ארבייט.

אין א צאהל שעפער שטעלט מען יעצט איין דעם סטאנדארד, און זעלבסטפארשטענדליך איז נאך דא א סך טראבעל, ספעציעל איז דא א סך טראבעל אין די שעפער וואו עס עקזיסטירט די זאגענאנטע שנײדער ארבייט. וואו דער אפערייטאר טוט די גאנצע שנײדער ארבייט, אויסער ארונטערנעמען דעם ליינינג וואס ווערט געמאן פון א פינישער. אין דיזע שעפער שטעלט מען יעצט איין דעם סטאנדארד און מיר נעהמען דערוויייל דורך האלט און ווארים.

וואו וועט זיין די קאנווענשאן?

וועט די קאנווענשאן זיין אין קליוולאנד? וואונדערען זיך א צאהל פון אונזערע מיטגליעדער. דער אמת געזאגט, אין דער הויך זאגען אלע אז זיי וואלטען וועלען אז די קאנווענשאן זאל זיין דא, שטילערהייט בעטען אבער אלע די יעניגע וועלכע דיינקען צו זיין דעלעגאטען, אז די קאנווענשאן זאל זיין אין אנאנדער שטאדט. עס ווילט זיך דורכפאהרען, דורכלויפטערען די אויגען. קליוולאנד איז א היים-זיצענדע שטאדט, און האבען א קאנווענשאן דא מיינט פאר זיי גארניט. עס איז זיי ניט צום פארדיינקען.

ה פראצענט פון די וויידזשעס

אונזערע מעמבערס צאהלען יעצט ה פראצענט פון זייערע וויידזשעס איינצוהאלטען און אנצופיהרען די סטרייקס. עס איז אפילו אנגעקומען גאנץ שווער לאך, ביז מען האט דאס דורכגעפיהרט, איינס איז אבער זיכער, אז אונזערע אקטיווע מעמבערס האבען געטאן זייער פליכט און האבען דאס דורכגעפיהרט.

נייע רעפערים.

אונזער אוכפארטייאישער טשערמאן און איינער פון אונזערע רעפערים האבען רעזיגנירט. פארשידענע אורזאכען האבען געבראכט דערצו אז זיי זאלען רעזיגנירען. דערווייל איז א גאנץ שווערער דזשאב צו קריגען די פאסענדע מענשען אויף זייערע פלעצער. און דא קומט נאך אן דער מאנאט אפריל ווען די פראגע פון וויידזשעס וועט פון די רעפערים דארפען אויפגענומען ווערען.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער

ס. ט., א. ג. און פילע אנדערע נייגעריגע. — כדי צו מאכען א סוף צו די פילע אנפראגען פון פילע אונזערע לעזער: ווער איז דאס דער געהיימניספולער י. ב. ג., וואס שרייבט אין דער „גערעכטיגקייט" דעם קאלום „קורץ און שארף", און כדי ניט געבען די מעגליכקייט אנדערע זיך צו פוצען אין פרעמדע פעדערען, לויט מיר האבען געהערט, מוזען מיר ערקלערען, אז דער שרייבער פון „קורץ און שארף" איז ניט קיין אנדערער, ווי דער רעדאקטאר אליין. י. ב. ג. דאס זיינען די ראשי תיבות פון יוסף בן גרשון. יוסף — דאס איז זיין צווייטער נאמען און זיין טאטע האט געהייסען גרשון. אונטער דעם נאמען האט ער געשריבען פארשידענע זאכען און אויך אונטערגעזיינדיגט אין ערצעהלונגען. איינע פון דיזע ערצעהלונגען האט מיניקעס מיט א פאר יאהר צוריק איבערגעדרוקט אין זייניגע יום-טוב בלעטער. זי טראגט דעם נאמען „דריי סדרים". זאל דאס ניט פארטייטש ווערען, אז דער רעדאקטאר האלט זיך פאר א מושלם, וועלכער איז גרויס אויף אלע געביטען. ניין, די גאנצע פילפארביגקייט און פארשידענארטיגקייט פון זיין ליטערארישער ארבייט איז ניט דער רעזולטאט פון זיין פארשידענארטיגען טאלאנט, נאר פון פשוט'ער נויטווענדיגקייט. ער, צוזאמען מיט פילע אנדערע, וועלכע זיינען געשטאנען ביי דער וויגעלע פון דער אידישער ציימונג אין אמעריקא און אין ענגלאנד האבען ניט געקאנט זיך פארגינען צו ספעציאליזירען זיך אויף איין געוויסען געביט. זיי האבען געמוזט אלעס קענען, כדי די ציימונג זאל קענען לעבען. און אזוי האבען זיי געשריבען — גוט אדער שלעכט, דאס מוז אי־בערגעלאזען ווערען פאר דעם ליטעראטור-היסטאריקער — לייט-ארטיקלען, פעליעטאנען, ביכער און טעאטער-קריטיק, ערצעהלונגען און ז. וו., און ז. וו. ערשט אין די לעצטע יאהרען, ווען דער ציימונגס-וועזען האט זיך אנטוויקעלט און איז געווארען פאר פילע א גוטע ביזנעס, איז געווארען א פלאץ, יא, א נויטווענדיגקייט פאר אלערליי „ספעציאליסטען" — ספעציאליסטען-קריטיקער, ספעציאליסטען ראמאנען-שרייבער, ספעציאליסטען קעפלאך-מאכער, און ז. וו., און ז. וו. אין דער שרייבעריי איז פארגעקומען דיזעלבע צוטיילונג פון ארבייט, ווי אין אירגענד אן אנדער טרייד.

ס. ווינער, מאונטאו, מאסס. — 1) אויך אונז האט פארדראסען, וואס איהר זייט ניט געקומען אין שפיט אונז זעהן. עס איז דאך אזוי אנגענעהם אפצופרישען אלטע זכרונות.

[illegible]

פארשטאנד מעהרען זיך אלץ מעהר און מעהר, וועלען מיר אנטאן זיך דאס פארגעניגען און זיך ארויסלאזען אין די ווייטע וועלט. וועגען די איבעריגע אנפראגען וועלען מיר אייך שרייבען קיינליך א פערזענליכען בריף.

ר. ראזענבלום. — זעהר געפרעהט אונז צו הערען פון אייך. דער נומער, אין וועלכען מיר ענטפערען אייך, וועט ארויסגעשיקט ווערען אין דער האפנונג, אז איהר וועט זיך ניט פיהלען עלנט... גריסט די גאנצע חברה אין מעמפיס. האפענטליך וועלען מיר זיך נאך אמאל זעהן.

סעקרעטער פאראייניגטע אידישע לערערינען און וועטערענען פון אמעריקא. — פון אייער אויפרוף האבען מיר ערהאלטען בלויז דאס צווייטע בלאט, און דוקא אין צוויי עקזעמפלארען. מסתמא האט איהר געשיקט איין און אנדער ציימונג צוויי ווייטער 1. אונטער די אומשטענדען קענען מיר עס מיט אונזער בעסטען ווילען ניט פארעפענטליכען. פון בלעטעל צוויי זעהען מיר, אז איהר פארנעהמט זיך ארויסגעבען א מאנאט-שריפט, וואס וועט קאסטען א דאלאר א יאהר. אלע די, וועלכע וויינען בעלנים אויף אזא שריפט, קענען זיך ווענדען אויף דעם אדרעס: 201 א. בראדוויי, ניו יארק.

ל. פרידמאן, לאקאל 35. — אייער ברי־וועל, פול מיט ביטערער איראניע, איבערגעלייענט. און אט איז אונזער ענטפער: מיר זיינען ניט אויף א האר מילדער צו די אנארכיסטען, וועלכע ווילען אנמאכען טומעל אין דער יוניאן, ווי צו די קאמוניסטען. אויף אזוי ווייט, ווי ווייט זיי זיינען ביידע פרנסה, און מיינען עס גוט, רעספעקטירען מיר זייערע מיינונגען, און מיר האבען קיינעם פון די ביידע אנגערופען מיט דעם נאמען פארדעטער. פארט אבער סיי צווישען די ערשטע און סיי צווישען די צווייטע מענשען, וועלכע וויל ניט ערנסט, וועלכע מיינען נאר צוליב גאנץ געמיינע צילען, צוברעכען די יוניאנס, און פאר די, אונטער וועלכען נאמען זיי זאלען זיך ניט פארבאהאלטען, האבען מיר בלויז פארשטאנד און עס איז גארניטא קיין ווארט, וואס זאל זיין צו-שלעכט פאר זיי. די דאזי־

[illegible]

איהר ניט פון קיינע ארגומענטען, ווארים עס זאל בלייבען איין לאקאל און וועלכער זאל קאנטראלירען דעם טרייד. איהר זאגט נאך, אז איהר ג ל ו י ב ט, אז ער בעסער ווי אלע אנדערע קען עס טאן. קען זיין, אז איהר זייט גערעכט, אבער גלויבען איז קיין ארגומענט ניט.

כ. ב. ן. — ווי איהר וועט זעהן פון לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" האט זיך די לאגע געטוישט געענדערט; און גוט, ווי עס וואלט געווען אייער איינציגער מיט א פאר וואכען צוריק, האט ער אבער אלעס פארלארען א היבשען טייל פון זיין ארגומענטאציאנס־קראפט. ער וועט דערפאר מוזען בלייבען ניט פארעפענטליכט.

פרעס קאמיטע פון עס און עס. — דער נאמען פון טשערמאן, צו וועמען איהר האט אויסגעדריקט אייער דאנק, איז געווען פאר־גרייזט געדרוקט. וועמעס שולד דאס איז, צי דעם שרייבער'ס, צי דעם זעצער'ס, ווייסען מיר ניט. מיר זאל עס דא גוט גענומען ווערען: זיין נאמען איז רושיק גרזשקא, און פאר זיין גוטע ארבייט אין דער צייט פון סטרייק האט איהר איהם געגעבען א מתנה א ווא־טשישען דיימאנד-רינג.

מ. וואלפר. — עס מוז אזוי זיין און ניט אנדערש, ווייל יעדע לעבעדיגע קערפערשאפט וואקסט און אנטוויקעלט זיך, ווי דער אייגענער מענש. און פונקט ווי דער איינצעלנער קען ניט האבען דיזעלבע געדאנקען און געפיהלען פון קינדהייט אן ביז צו זיין עלטער, נאר ער האלט אין איין וואקסען, און מיט איהם וואקסען זיינע געדאנקען, געפיהלן, פארלאנגען און באדערפניסען, אזוי איז עס מיט יעדער קערפערשאפט, און אזוי איז עס מיט אונזער יוניאן. און מיר פארשטעהן ניט, וואס איז דא צו בעדויערן. פאר־קערט גאר, מיר דארפען זיך פרעהען. געוויס האבען אונזערע פראבלעמען ניט געקאנט געמאלט זיין אין די עמליגע יאהרען, ווי איצט, ווען מיר האבען שוין געטעסט און געמוזעלט און זיינען אויסגעוואקסען פון אונזערע קינדערישע־בלעטער. די פראבלעמען, וועלכע זיינען דא, זיינען ניט פאבריצירט געווארען פון קיי־נעם. דאס האט די אנטוויקלונג אין דער אינדוסטריע מיטגעבראכט, און אלס ערוואקסענע, רייפע מענער און פרויען, וואס די גרייסע מעמבערשיפ פון דער קלאוקמאכער יוניאן זיך מיט ווי פארשוועט, ביז עס וועלען אנטשטעהן נייע פראבלעמען. אזוי איז שוין דאס לעבען.

מ. העללער, לאקאל 1. — וועגען דעם זאגענאנטען קאמפעריישאן שאפ זיינען ניט קיין צוויי מיינונגען צווישען די דענקענדע און עהרליכע יוניאן־לייט. אלע פארשטעהען אויך די מאטיוון פון דיזע קאמפעריישאן־קעס, נעמליך, צו ווערען אליין, בזורשט קלוי־נינקע עקספלואטאטארלאך, נאכדעם גרעסערע און גרעסערע. אלע זיינען איינפארשטאנען, אז די יוניאן דארף אנשטרענגען אלע איהרע קרעפטען ניט לאזען זיי וואקסען, ווייל ווי זיינען די גרעסטע געפאהר פאר דער אינדוסט־ריע בכלל און פאר די יוניאן בפרט. די פראגע איז נאר, ווי דאס אויסצופיהרען. און אט וואס איהר שלאגט פאר: 1) מען דארף שטרענג אפהיטען, אז וועלכע קאמפעריישאנס זאלען ניט קריגען קיין ארבייטער, ווען זיי נויטיגען זיך אין זיי; 2) עס דארף זיין די פליכט פון יעדען יוניאן־מאן, ווען ער ווייס פון אזא שאפ, צו לאזען וויסען יועגען דעם זיין לאקאל; 3) צו האלטען די, וועלכע קערען זיך אום צוריק אין די ארבייטער־רייהען, שטרענג פאראנטווארטליך פאר זייערע מעשים. די אלע מיטלען זיינען געוויס גאנץ גוטע, און, ווי ווייט מעגליך, זיינען זיי דאך שוין אין דער פראקטיק. אבער דאך האבען זיי ניט זעהר שטארק געווירקט אויף די פארמינדערונג פון די קאמפעריישאן־שעפער. ליים ווי אונז דוכט זיך, אום צו באקעמפען גרינדליך די קאמפעריישאן־צרה, דארף פארשטאנען ווערען דער קוואל, פון וואנען די דאזיגע צרה שפרוצט ארויס. דער קוואל איז דער דזשאבער און דער גרויסער מאנופעקטשורער, וועלכע גיבען זיי די ארבייט, אום צו קריגען די ארבייט ביליגער געמאכט. אט דערצו, אז דער באס זאל ניט קענען און ד א ר פ ע ן ארויסגעבען זיין ארבייט אויסער דעם שאפ, סיידען אונטער דעם פולסטען קאנטראל פון דער יוניאן, מוז געמאכט ווערען א סוף, ביז צו א געוויסען גראד ווערט עס געטאן, אבער, ווי עס ווייזט אויס, ווערט עס ניט שטרענג גענוג דורכגעפיהרט. אז די יוניאן זאל איינמאל פאר אלע מאל זיך באפרייען פון דער מכה פון קאמפעריישאן־שעפער.

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון ה. פינקעלשטיין.

אפּשאַצונגען פון לעצטען קלאוקמאכער סטרייק. — „מיט וועמעס כח איז דער סטרייק געוואונען געווארען?" — א באַגריסונג צום שלוס פון סטרייק. — שלום אש'ס איינדריקע פון דער ליין וואו די יוניאן האט געהאלטן סטרייק-בענקעס.

א גרויסער מיליטער איז און אינדוס־טריעלע מלחמה. אין א מיליטערישער מלחמה שטעהען לענדער אין קאמף, אין אן אינדוסטריעלער מלחמה שטעהען קלאסען אין קאמף. ביידע מלחמות ווערען געפיהרט פאַרטייעס, און אין ביידע סאָרטען מלחמות ווערען אנגעווענדעט פאַרשידענע סטראטעגישע מיטלען, פון די קעמפענדע צדדים, די מלחמה צו גע-ווינען.

די פאַרפיהרונג פון דעם אינדזשאַנק-שאַן־פראצעס געגען דער פראטעקטיוו אסאָסיאיישאַן איז געווען א בריליאנטע-נער סטראטעגישער צוג פון אונזער אינ-טערנעשאנאל קריגס-דעפּארטמענט אויף צו שלאָגען דעם שונא, און עס האט מא-כען א סך געהאָלפען דעם שונא צו דער-שלאָגען. דאָס האט דער גענערישער ארמעע פאַרטריבען אין א ווינקעל, אין א ווינקעל פון שאַנד און . . . דער שונא האט געמוזט זיך אונטערגעבען.

אט דער געראנג איז קלאָר געמאַכט געוואָרען פאַר די קלאוקמאכער אין צייט פון סטרייק. ווי האבען ריכטיג באַגרי-פען וואָס די יוניאַן איז אויסען געווען מיט'ן אויסצוהאַלטן זיך אין קאורט נאָך אן אינדזשאַנקשאַן און ווי האבען פאַלשטענ-דיג דאָס גוטגעהייסען. אין די רייהען פון די סטרייקער האט מען גוט געוואוסט, אז דער אינדזשאַנקשאַן איז געווען ניט מעהר ווי א סטראטעגישער צוג פון דער יוניאַן, און ווען דער סטרייק איז געוואונ-נען געוואָרען, איז צווישען די קלאוקמא-כער נישט אויפגעקומען די פראגע, מיט וועמעס כח דער סטרייק איז געוואונען געוואָרען, צי מיט דעם כח פון דער יוניאַן, צי מיט'ן כח פון דעם אינדזשאַנק-שאַן. צווישען די קלאוקמאכער, וועלכע האבען גוט פאַרשטאַנען די ואכלאגע, האט אזא פראגע ניט געקענט אויפגע-הויבען ווערען.

אנדערש אבער איז עס געווען אין דער אויסערער וועלט. דאָרטען האט מען ניט באַטראַכט דעם אינדזשאַנקשאַן אלס א מיטעל צום צוועק; דאָרטען איז גע-וואָרען דער אינדזשאַנקשאַן איין זאך און דער סטרייק א צווייטע זאך, און ווען דער סטרייק האט זיך געענדיגט איז גע-וואָרען א גאנצע דיסקוסיע, „מיט וועמעס כח דער סטרייק איז געוואונען געוואָרען", צי מיט דעם כח פון די קלאוקמאכער צי מיט'ן כח פון דעם אינדזשאַנקשאַן.

וועגען דעם ענין זיינען ערשינען אין דער פרעסע א סך ארטיקלען, עדיטאָר-יעלס און באַמערקונגען. מאַנכע שריי-בער האבען געוואָלט האבען, אז דער סטרייק איז געוואונען געוואָרען נאָר מיט'ן כח פון אינדזשאַנקשאַן. אנדערע ווידער האבען גע'טענה'ט פאַרקעהרט, — דאָס דער אינדזשאַנקשאַן האט גאָר ניט מיטגעהאָלפען, און דאָס דער סטרייק איז געוואונען געוואָרען בלויז מיט דעם כח פון די ארבייטער.

גענאָסע ב. פייגענבוים, אין אן אר-טיקעל אין „פאָרווערטס", דעם 29טען יאנואר, האט געמאַכט א פשרה: ער אנ-ערקענט אי דעם אינדזשאַנקשאַן, אי דעם כח פון די ארבייטער, אין דעם סעטעל-מענט פון דעם קלאוקמאכער סטרייק, און און ברענגט ארויס דעם געדאַנק, דאָס „דער אינדזשאַנקשאַן גופא איז א זיג פון דעם וואונדערבאַרען סטרייק".

אט איז א קורצער אויסצוג פון דעם דערמאַנטען ארטיקעל:

„. . . עס איז העכסט וויכטיג, אז די קלאוקמאכער זאָלען געדענקען, אז אזוי ווייט אפילו ווי דער אינדזשאַנק-שאַן האט זיי פאַרהאָלפען צו דעם זיג — און פאַרהאָלפען האט ער זיי גע-ווים — איז דאָס אויך א זיג פון זייער אייגענעם גלענצענדען קאמף און הערליכער אחדות. דער אינדזשאַנקשאַן גופא איז א זיג פון דעם וואונדערבארען סטרייק.

דען, ערשטענס, איז דאָך דער אינ-דזשאַנקשאַן נאָר אן ארדער פון קאָרט, אז די מאַנופעקטשורערס מוזען האל-טען דעם אגרימענט וועלכען די יוני-יאָן האט געוואונען דורך א פריהערדיגען סטרייק. דאָס איז, שלום, נאָר א געריכט'ליכע אנערקענונג פון א פריהערדיגען זיג פון דעם ארבייטער קאמף!

„צווייטענס. אט דיזע איצטיגע געריכטליכע אנערקענונג פון א ראַנ-טראַקט וואָס ווערט געוואונען פון א יוניאָן דורך א סטרייק, איז ווידער ניט ווייניגער ווי א זיג פון דער מעכ-טיגער יוניאָן און פון איהר וואונדער-באַרען קאמף. דען וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אז אזא אגרימענט, וועלכען ארבייטער האבען געצוואונ-גען קאפּיטאליסטען דורך א סטרייק

איינפערסטען גאָר א סך קאָמענטאַרען אין דער פרעסע, וועלכע האבען געהערט איבערגעגעבען ווערען אין דער אפּטיי-לונג. מיר זיינען אבער אין יענעם מאָ-מענט צופיל פאַרנומען געווען און הא-בען עס געמוזט אפּלעגען אויף שפּעטער. דער מערקווירדיגער קאמף האט געלאָזען א גאנץ טיפען איינדרוק און ער וועט נאָך ארויסרופען אינטערעס צו זיך א לאנגע צייט שפּעטער. עס וועט דעריבער ניט זיין איבעריג'ן ווען צו טאָן איצטער, וואָס מיר האבען נישט געקענט טאָן אין דעם הייסען מאָמענט, דאָס הייסט, איבערגע-בען מאנכע פון די מיינונגען וואָס זיינען דעמאָלט ארויסגעזאָגט געוואָרען וועגען דעם זיג פון דער קלאוקמאכער יוניאָן.

אט איז א קורצער אויסצוג, וואָס איז וועגען דעם ענין געזאגט געוואָרען אין „פאָרטשריט", דער אפיציעלער ארגאן פון די „אמאלגאמייטער":

„נאָך א קאמף פון 9 וואָכען האַ-בען די ניו יאָרקער קלאוקמאכער אפּ-געהאלטען א גלענצענדען נצחון אי-בער די פאַבריקאנטען, און דער גרוי-סער קאמף איז אפיציעל דערקלעהרט פאַר געענדיגט, נאָכדעם ווי די פאַב-ריקאַנטען האבען קאַפּיטולירט.

מיט 9 וואָכען צוריק האבען די קלאוק פאַבריקאנטען אויטאָקראַטיש דערקלעהרט, אז זיי פיהרען איין א 49 שעה'דיגע ארבייטס וואָך און שטיק ארבייט, אפּברעכענדיג דעם אגרימענט מיט דער יוניאָן. דאָס איז ניט געטאָן געוואָרען בלויז צוריקצו-ברענגען די ארבייטס באַדינגונגען צו דער מדרגה פון פילע יאָהרען צוריק, נאָר גאנץ פּראָסט און פּשוט צו פאַר-ניכטען די יוניאָן. עס איז ניט קיין סוד, אז אויך די ארויסטרעטונג פון די קלאוק פאַבריקאנטען איז געווען איין קליינער, און איבערהויפּט זעהר נארישער עפּיזאָד פון דער גרויסער „אפּען שאָפּ" באַוועגונג, וואָס ברעכט שוין צוזאַמען.

„. . . דער אויסגאַנג פון קאמף איז א גרויסער זיג פאַר די קלאוק-מאכער, וואָס שרייבט אריין נאָך א גאָלדענעם פּרק אין זייער גלאָררייכער געשיכטע.

זייט געגריסט, בראַווע קלאוקמאַ-כער!"

* * *

דער לעצטער קלאוקמאכער סטרייק האט געשאַפען וועגען זיך א גאנצע ליטע-ראַטור. ניט נאָר האבען וועגען דעם סטרייק געשריבען די פּובליציסטען; עס האבען אין דעם אויך אנטייל גענומען אונזערע בעלעטריסטען און פּאָעטען. דער סטרייק איז בעשריבען און באַזונגען גע-וואָרען, ווי נאָך קיין מאָל א סטרייק פריי-הער. און צווישען די וואָס האבען גע-מאָלען בילדער פון דעם סטרייק און באַ-זונגען זיין גרויסקייט, געפינען זיך די גרעסטע קינסטלער פון דער אידישער לי-טעראַטור.

אין דער צייט פון דעם סטרייק איז פאַר אונז פּשוט אונמעגליך געווען אי-בערצוגעבען, און אפילו בלויז אנצואווייזען, אויף די אלע ליטעראַרישע שאַפונ-גען וואָס דער קאמף האט ארויסגערופען, און פילע וואָכען, וואָס וועלען שפּעטער פונקט אזוי גוט זיין ווי אין צייט פון דעם סטרייק, האבען מיר אפּגעלעגט אן א ווייט

אונטערצושרייבען, זאל פון קאָרט ערקלעהרט ווערען אלס גילטיג געזעצ-ליך און פאַרבאָטען ווערען איהם צו ברעכען? פאַרקעהרט פלעגט דער ווען: די קאָורטס פלעגען פּסק'ענען, אז אזא אגרימענט איז פּסול, ווייל ער איז ניט אנגענומען פון די באַסעס פרייוויליג, נאָר געצוואונגען דורך די „געוואַלט" פון די סטרייקערס". ווי ושע איז דאָס געקומען, וואָס דעם מאָל האט א ליבעראַלער דזשאַדזש גע'פּסק'ענט אזוי ווייט „קאַפּיר" פון די געוועהנליכע אנגענומענע קאַפּי-טאַליסטישע „גערעכטיגקייט"?

„דזשאַדזש וואַגנער האט דאָס ער-קלעהרט אין זיין סטייטמענט. ער האט געזאָגט, אז עס זיינען היינט נייע צייטען און מען קען ניט מעהר פּסק'ענען לויט נאָך די אלטע באַגריפען און אמאָליגע יוריסטישע אויסטייטשונגען פון די געזעצען. און וואָס אבער באַשטעהט די „נייקייט" פון דער היינטיגער צייט, אויב ניט אין דער מאַכט און אין דעם הערליכען קאמף פון אזעלכע יוניאָנס און אזעלכע גלענצענדע סטרייקס, ווי דער קלאוקמאכער, וועלכע האבען געוואונען פאַר זיך די העכ-סטע סימפּאַטיע און באַשאַפען אזא איבערקעהרעניש אין די אנזיכטען פון א יוריסט מיט ליבעראַלע נייגונגען? וואָלט דען דאָס געשעהן, ווען די אר-בייטער וואָלטען געווען די שטילע קאַ-טינקעס און די אונטערטעניגע שקלאַ-פען, ווי זיי זיינען געווען איידער מיר האבען אויפגעבויט די גלענצענדע באַ-וועגונג?

„אפילו ווען עס זיינען שוין גע-ווען גרויסע סטרייקס מיט געוואונע-נע אגרימענטס, זיינען אויך אוועק יאָהרען און יאָהרען ווען מען האט געהאַלטען אזעלכע אגרימענטס אלס ניט מעהר ווי א „סקראַפּ אָוו פּיי-פּער", אַהן שום געזעצליכע קראַפט. מען האט געמאַכט אגרימענטס אזוי, פון יוצא וועגען! איצט אבער איז נעגעבען געוואָרען צו אזעלכע געווינ-סען פון ארבייטער־קעמפע די וויכטי-גע מאַכט פון געזעצליכע גילטיגקייט. דאָס איז דאָך א געווינס פון א שטיק פּאָליטישע מאַכט פאַר די קעמפענדע ארבייטער־באַוועגונג! ווער קען זיך איינרעדען, אז דאָס וואָלט מעגליך געווען ווען די באַוועגונג וואָלט ניט ארויסגעטראָטען אין אזעל-כע הערליכע קעמפע, ווי דער איצט-געענדיגטער סטרייק פון די קלאוק-מאכער? ווער קען ערנסט צווייפלען אז דאָס איז א זיג פון אזעלכע קעמ-פע?!"

* * *

דער דראַמאַטישער סוף פון דעם גרוי-סען קלאוקמאכער סטרייק; דער פאָל-שטענדיגער זיג פון דער יוניאָן האט

אין א שטילען טאג

פון י. י. שווארץ.

א שטילער טאג אזא האט אונז זיך איינגעגעבען
מיט שטילע ווינטלעך און מיט בלויע הימלען;
מיט הויכע בערג פאַרנעבעלטע און ווייכער בלויקייט,
מיט ווייסע וואַסער-ליליען וועלכע דרימלען.

מיט הענד געפלאַכטענע, ווי ס'בלאָנדזשען קליינע קינדער,
מיט ווייכע מילדע טריט אויף גראָז און קלעטער;
מיט הערצער שטיל-פאַרנעבעלטע וואָס שלאָגען רוהיג,
וואָס טראַכטען ניט פון נעכטען, טרוימען ניט פון שפּעטער.

מיט אויגען גלעטענדע אין אייגען גליק פאַרטיפטע,
וואָס פאַלען בענשענדיג די גרינע פעלדער
וואָס זיינען דורכגעוועבט מיט בלוי, פיאָלעט און ווייסקייט,
און ווערען ווייט פאַרלוירען אין די גרינע וועלדער.

און וועלען פון צייט צו צייט פאַרעפענט-ליכען, נאַטירליך, בלויז אין אן אפּגע-קירצטער פאָרם.

מיר פאַנגען אן מיט אן אויסצוג פון שלום אש'ס „איינדריקע פון קלאוקמאַ-כער סטרייק", וואָס איז ערשינען אין „פאָרווערטס" אין צייט פון סטרייק. אש איז אוועק צו דער ליין וואו די יוניאָן האט געהאלטן סטרייק-בענקעס און אט איז אן אויסצוג, ווי ער האט געמאָלען זיינע באַאָבאַכטונגען:

„איך האב געוואָלט זעהן די סטרייקערס פּנים אל פּנים, ווי ארייני-קוקען אין געזיכט אריין, זעהן ווי אט די טויזענדער צעהנדליגע מענשען, וועלכע שטעלען צונויף די מאַסע, וואָס איז די מאַסע? און אנאָנימע טוי-טע וואָר. א מאַסע, דאַכט זיך, האט קיין לעבען ניט, עס איז נאָר א ווארט, א בוכשטאַב, א ווערטער אויף א באַ-גריף. איך האב געוואָלט זעהן דעם איינצעלנעם, דעם מענש אין דער מאַ-סע, דעם יחיד, רעדען מיט איהם, זעהן איהם. איך בין געגאַנגען אין די האַלס, וואו די סטרייקערס קומען זיך צוזאַמען, געשטעלט זיך אין די רייהען וואו ווי זיינען געשטאַנען אויף צוויי-טע סטריט מיט זייערע יוניאָן-„טשעקס" אין די הענט — „טשעקס פון זייער אייגענע באַנק", ווי ווי רי-פען דאָס. און כאָטש וויפיל איך האב געקענט, האב איך גערעדט. אויף ווי-פיל איך האב געוואָנען זייער צו-טרויען, האבען ווי זיך מיר אנפאַר-טרויט און גערעדט מיט מיר אפענ-הערציג. און דעם איינדרוק, וואָס איך האב געהאַט פון די סטרייקערס, ניט פון די מאַסען, נאָר פון סטריי-קער־מענש, וויל איך דאָ איבערגעבען,

„ערשטענס, די רייהען. אין קיין פאַרזאַמלונג קען מען אזוי ניט זעהן די פאַרזאַמעלטע, ווי אין א רייהע, ווען מענשען שטעהען אויסגעשטעלט איינער נעבען אנדערען. איך בין אראָפּ און ארויפגעגאַנגען די לאַנגע רייהע, וואָס האט זיך געצויגען אויף גאַסען ווייט. ווער זיינען דאָס די סטרייקערס? אט זעהט איהר ווי, א איך מיט א ווייסע פּאַטריארכאַלישע באָרד, א לאַנגע נאָז, באַטרערטע אוי-גען, טרעהרען־זעקלאך אונטער די אויגען. איהר קוקט אן דעם אידען, זעהט איהר זיין גאַנצע פאַרגאַנגענ-הייט אויף זיין פּנים. אין דער היים איז ער געווים געווען א סוחר, א וואָל-סוחר, וואָהלען סוחר, האט געפיהרט זיין שעהנע הויז, אודאי אן אורח גע-האט צום טיש יעדען שבת, געמאַכט ברית'ן, אויסגעגעבען קינדער, גענומען זיך איידעמס לערנערס. איהר זעהט אז די ערלעקייט פון דער תורה ליגט אויסגעגאָסען אויף זיין פּנים. ער שטעהט ערנסט פאַרזאָרגט. וועגען וואָס קלערט ער? דערמאָנט ער זיך ניט אן זיינע גליקליכע יאָהרען, שטע-הענדיג דאָ אין דער רייהע מיט דעם יוניאָן טשעק אין דער האַנט? דער-מאָנט ער זיך ניט אן זיין שטערטעל, אן זיין היים, ווען ער איז אליין א בעל הבית געווען?

„.....באַלד הינטער איהם שטעהען צוויי איטאַליענישע פרויען און רעדען לעבעדיג מיט פריהליכקייט אין זייער קלינגענדער איטאַליענישער שפּראך. ווער ווייסט זייער לעבען? א מו-טער מיט א טאָכטער מוז עס זיין. די מוטער האט שוין גראָהע האָר, א פאַר-וואָרנט פּנים. נאָר קיין זאָרג, קיין נויט האט ניט געקענט אויסלעשען דאָס פייער פון איהרע אויגען, דאָס פייער פון איהר גאָלדען זונעריג לאַנד, וואָס האט איהר אזעלכע וואַרימע אויגען געגעבען. א, עס בענקען די אויגען נאָך יענע וואַרימע נעכט ביים בלויען שפּיגעלדיגען ים פון פּאַלער-מאָ, וואו עס רעגנט מיט שטערען ליכט. ברייט און ליכטיג שיינען די שטערען אין איהר הימעל, פול איז די לופט מיט דעם געשמאַק פון ציט-ראָנען בליהענטס, און שכור ווערט מען פון דעם זיסען געשמאַק, וואָס הויכט ארויס פון דעם פייגען-בוים, וואָס שטעהט אין איהר גאָרטען. קיין טענעמענט ליכט פון ניו יאָרקער שוואַרצע הייזער, קיין נאַכט-ארבייט ביים דונקעלען שיין פון גאַז-לעמפּ, נייענדיג ביי דער מאַשין, קיין פאַר-רעמפּטע שוואַרצע לופט פון די ניו יאָרקער קאַרידאָרען האט נישט גע-קענט אויסלעשען דאָס ליכט פון איה-רע אויגען — דעם היילינגען בלי-הענדען זומער פון איהר לאַנד — וואָס ליגט נאָך היינט אויסגעגאָסען אויף איהר פּנים. און נעבען איהר שטעהט איהר יונגע טאָכטער. וועט דאָס יונ-גע מיידעל, ווען זי וועט קומען אין איהרע יאָהרען, דערהאַלטען די פרישקייט פון איהר יוגענד, ווי די מוטער האט עס דערהאַלטען? וועט די ווע-טעריגע לופט, וואָס עס אטהמען איין זיך אריין דאָס יונגע מיידעל פון איה-רע ייִנגער יאָהרען אן זיצענדיג ביי...

(שלוס אויף זייט 14)

שאפ טשערלייטע

— און —

קלאוקמאכער

אויפמערקזאם!

די שאפ טשערלייטע ווערען איפגעפאדערט ניט צו לאזען קיינעם זיך זעצען צו דער ארבייט אהן א ווארקינג קארד פון דער יוניאן.

קאמפליינטס פון די מעמבערס וועלכע וועלען ניט האבען קיין ווארקינג קארדס וועט מען אין די אפיסעס ניט אריפנעמען, פון היינט אן און ווייטער, ווען א מעמבער וועט קומען מאכען א קאמפליינט, וועט ער ביי זיך מוזען האבען די ווארקינג קארד אזוי גוט ווי זיין יוניאן ביכעל.

ל. לאנגער, סעקרעטער.
דזשאינט באארד קלאוק, סקירט און ריפער מאכער יוניאן.

רייןקאוט מייקערס יוניאן לאקאל 20

אויפמערקזאם!

דיזען שבת, דעם 11טען פעברואר,
וועלען אפגעהאלטען ווערען

וואהלען פאר באצאהלטע בעאמטע און אן עקזעקוטיוו באארד

פאר דעם יאהר 1922, אין אפיס פון דער יוניאן, 22 וועסט 17טע סטריט.

שטימען וועט מען קענען פון 10 פריה ביז 5 אוהר נאכמיטאג.

בלויז גוטשטעהענדע מעמבערס וועלען זיך קענען באטייליגען אין די וואהלען.

ברידער רייןקאוט מייקערס! עס איז אייער אויפגאבע און פליכט זיך צו באטייליגען אין די וואהלען פון אונזער ארגאניזאציאן און ערוועהלען די בעסטע מענשען צו פארוואלטען אייער ארגאניזאציאן פאר דעם יאהר 1922.

עקזעקוטיוו באארד רייןקאוט מייקערס יוניאן, לאקאל 20



אייערע קינדער'ס אויגען

האבען אייערע קינדער שוועריגקייט אין לערנען? געפינען זיי זייערע לעסאנס צו שווער? איז זייער זכרון שארף אדער שוואך?

אין פילע פעלע איז דאס דער רעזולטאט פון שוואכע, אנגעשטרענגטע אויגען און א פאר גוט צוגעפאסטע ברילען וועט זיי אייך באפרייען פון יעדע שוועריגקייט און העלפען זיי אין זייער לערנען. ועהט זיך מיט דר. בעקער'ן אין איינע פון זיינע 5 אפטיקעל אפיסעס און א עקזאמינייטשאן וועט באשטימען דעם צושטאנד פון זייערע אויגען.

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 איסט בראדוויי	895 פראספעקט עוו.
ניער קלינטאן סטריט	נעבען 168טע סטריט
102 לענאקס עוועניו	170 פיטקין עוועניו
נעבען 116טע סטריט	נעבען ראקעווער עוועניו

262 איסט פארדהעם ראוד, בראנקס

DR. BARNETT L. BECKER

הארלעם סאציאליסטישער ערזיעהונגס־ קולטור סענטער

62 איסט 106טע סטריט,
צווישען פארק און מעדיסאן עוו.

צו פארדינגען א גרויסע האל

קען אריינעמען 600 מענשען
פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלונגען, חתונות און אז. וו.
אויך אפיסעס און מיטינג רומס.
אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.
טעלעפאן: הארלעם 9020.

יצחק אייזיק הורוויטש

האט געעפענט א

לאא אפיס

אין 280 בראדוויי
(קארנער פון טשעימבערס סטריט)

ISAAC A. HOURWICH
Attorney and Counselor at Law
280 Broadway
Room 431 Tel. Worth 1938

דער

ארבייטער רינג

איז דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $1,500,000
מיטגלידער — 82,000
בראנטשעס — 645

דער ארב. רינג שטיצט זיך דען וויכטיגען עקאנאמישען און פאליטישען קאמף.

דער ארבייטער רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגליעדער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליעד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע ווענדעט זיך צו:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY. NEW YORK, N. Y.

קלאוקמאכער

אויפמערקזאם!

קאמפליינטס פון קלאוק שעפער

ווערען אויפגענומען ווי בעפאר

אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד

40 א. 23טע סט. קלאוק און ריפער שעפער אויפ'ן 1טען פלאר.

דרעס און סקוירט שעפער — אויפן 2טען פלאר.

פראטעקטיוו שעפער אויפ'ן 3טען פלאר.

קאמפליינטס פון דאון־טאון קלאוק שעפער

ווערען אויפגענומען

אין דעם דאונטאון אפיס

35 איסט 2טע סטריט, קארנער 2טע עוועניו.

די קלאוקמאכער, וואס האבען קאמפליינטס צו מאכען, זאלען זיך ווענדען אין די אויבענדערמאנטע פלעצער.

איזראעל פיינבערג,
דזשענעראל מענעדזשער.

עונים פון אונזער אינטערנע־שנאל אין דער פרעסע.

(שלוס פון זייט 12)

דער מאשין, אזוי ווירקען אויף איהרע עלטערע יאהרען, ווי עס האט גע־ווירקט די לופט פון טייטעלבוים און דער געשמאק פון פאמעראנצען ביי־הענטס אויף די מיטער'ס יוגענד?

„צוויי פעלקער — די עלטסטע פעלקער פון דער וועלט — רוים און ירושלים. די צוויי שונאים פון דער אלטער וועלט; און אייניקעל פון טי־טוס הרשע, וואס האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש, און אן אייניקעל פון א אידישען גבור, וואס איז געפאלען אויף די מויערען פון ירושלים, האבען שלום געמאכט צווישען זיך, שטעהען אין איין רייהע און סטרייקען געגען א אידישען מאנופעקטשורער. און אי־דישע יוניאן פיהרער האבען זיי ביידע ארגאניזירט, קעמפען פאר זייער ביי־דען'ס פרייהייט. און זיי האלטען אין די הענט יוניאן־טשעקס אויף סטרייק בענעפיט, וואס אידישע יוניאן קלויקס וועלען זיי אויסצאהלען....

.... און לוקט ווייטער אין דער רייהע. עס שטעהט א יונגערמאן. איך דערקען אן איהם, אז ער האט ניט לאנג צוריק חתונה געהאט, ער טראגט נאך זיין חופה וקדושין רינג אויפ'ן פינגער. וועלכער סטרייקער וואלט עס געטראגען זיין חופה רינג אויפ'ן פינגער, ווען עס וואלט שוין לאנג גע־ווען נאך דער חתונה?"

„.... און עס שטעהט אויך א אידי־שע מוטער אין דער רייהע. א מוטער־סטרייקער! קוקט זי אן, און ועלבסט־פארשטענדליך ווילט זיך אייך ארפ־נעמען דעם הוט און גריסען מיט רעס־פעקט דאס ערנסטע געזיכט און די ווייכע טרויעריגע אדער מיט רחמנות איבערגעגייטשטע פאלדען פון דער מו־טער'ס געזיכט. א, רעספעקט און אכ־טונג פאר די קנייטשען פון דעם גע־זיכט! יעדער קנייטש אין דעם גע־זיכט מיינט עפעס, איז געווארען צו־ליב עפעס. דאס געזיכט איז א בוך, און אפענער בוך געשריבען פון לעבען אויף פארמענט־הויט פון א מאמעס פנים.

— וואס, אויך א סטרייקער,? — פרעג איך די אידענע מיט דעם שווא־רצען מיכעל איבער'ן קאפ און מיט דער מוטער־פנים, מיט א שטילע שטימע.

— וואס זאל מען טאן, אז מען האט קינדער צו ערנערען? — זאגט זי ערנסט און טרויעריג.

איך האב זי נישט געוואגט מעהר צו פרעגען. היילינ איז די רייהע, און וועלכע וועלכע מוטערס שטע־הען. איך האב געוואלט אנגעמען איהר גראבע מוטערליכע אויסגעאר־ביטעטע פינגער און זיי קושען מיט רעס־פעקט. איך האב עס ניט געטאן, ווייל איך האב זיך געשעמט און ווייל די אי־דענע וואלט מיך ניט געוועזן פארשטא־נען. זי וואלט זיך ווארשיינליך גע־טראכט: וואס טוט זי דא אזעלכעס, פאר וועלכעס עס קומט איהר די האנט צו קושען? זי טוט דאך נאר דאס וואס יעדען פויגעל אין פעלד און יע־דע חיה אין וואלד — זי דערנעהרט איהרע קינדער.

„....שפעטער האב איך זיך געפר־נען אין האל, מיט די סטרייקערס אין האל — דאס איז די היים פון די סטרייקענדע ארבייטער.

האט איהר געזעהן די רייהע, וואס שטעהט אין דרויסען? — פרעגט א יונגערמאן.

— א שעהנע רייהע, א שעהנע רייהע, — זאגט אן אלטער איד.

— אז מען האט ארייגעליינט, איז דא פון וואגען ארויסצונעמען — נים אנאנדרער צו."

א קלאוק מאכער האט זיך צו דער איבער־די „קריטיקער" פון דער אינטערנעשאנאל.

(שלוס פון זייט 11)

ווען מר. סטויער, דער לאיער פון דער „פראטעקטיוו", איז געקומען צו אונז מיט א פארשלאג פאר „סטענדארדס", פאר־שטעה איך, אז עס איז אויך געקומען אן „אנגעשטעקטער" פון די ארבייטסמענטס צווישען דער אמאלגאמייטער און די מע־נער קליידער מאנופעקטשורערס. איהר ווייסט דאך, שניידער מיט שניידער טרע־פען זיך און מיר רעדען און מיר ווייסען איינע פון די אנדערע. נאר איך וועל וועגען דעם גארניט זאגען. ערשטענס, קען טאקי זיין, אז ביי מענער שניידעריי דארף מען און מען קען איינפיהרען „סטאנ־דארדס". צווייטענס, ווייס איך נאך אלץ ניט צי איך האב א רעכט צו רעדען וועגען בעאמטע אין מעטארען פון אנ־דערע יוניאנס.

אלזא, מיט מיין גאנצען רעספעקט צו דער אמאלגאמייטער און איהרע פיהרער, גלויב איך ניט, אז דאס מוז אין מיר ארויסרופען רעספעקט אויך צו צביון'ען וועלכער פארטיידיגט אזוי די פיהרער פון דער אמאלגאמייטער און זוכט העצעס גע־גען אונזער יוניאן און אונזערע פיהרער.

ספעציעל נאך, ווען איך ווייס, אז צביונ'ען קען מען אפפארבען זעהר לייכט.

אמאל האב איך געהאט רעספעקט פאר צביונ'ען. איך האב איהם געהאל־טען פאר א קלאוקמאכער. אבער וועהענ־ריג, ווי ער „מאכט רושאבס", און ספע־ציעל איצט ווען ער וויל „מאכען א „רושאב" אויף אונזער יוניאן — ווילט זיך מיר איהם פרעגען: „פויגעל, פוי־געל, וויפיל ווילסטו מיר זאלען דיר קע־נען אפפארבען פאר אונזער'ס א „פריינד"?...

און דא קום איך צום פונקט וועגען אונזערע „אפען פארומס", ווערטער רע־דאקטאר. מען באשולדיגט דאך, די פיה־רער אונזערע, אז זיי ווילען אלץ באהאל־טען פון אונז. הייסט עס באהאלטען זא־כען, ווען ברודער שלעזינגער נעהמט צו אפענע קלאוקמאכער פערזאמלונגען דיס־קוטירען מיט אונז „רענק און פייל" מעמ־בערס, איבער די פראבלעמען אין אונזער אינדוסטריע? מיר זיינען טאקי געגען „סטענדארדס אף פראדאקשאן", אבער פארוואס זאלען מיר ניט ווייסען גענוי, פארוואס מיר זיינען געגען דעם. די „אפען פארומס" זיינען די גרעסטע קלעפ אין די פארלוימדער פון אונזער יוניאן, אז ביי אונז איז מען ניט „דעמאקראַ־טיש", א. ז. וו.

איך זעה, אז איך האב זיך שוין צופיל צורעדט. נאר עס איז מיר יום טוב'דיג אויפ'ן הארצען פון אונזער זיג און עס איז מיר עקעלדיג פון די פארלוימדער — האב איך זיך געמוזט ארפרערען פון הארצען. ענטשולדיגט מיר.

איך דאנק אייך פאראויס פאר'ן פלאץ.

אייער,
א קלאוקמאכער, א מעמבער
פון לאקאל 23.

מאכט אייער אפאינט־מענט יעצט.

זיך צו טרעפען ביי דעם לאנג־ערוווארטעטען יוניטי באל, וועלכער וועט זיין דינסטאג אווענט, דעם 21טען פעברואר, וואשינגטאנ'ס געבורטס־טאג, אין סטאר קאסינא האל.

יוניטי, יוניטי, יוניטי!

בילעטען שוין צו באקומען אין די יוניאן אפיסעס פון דעם דוש.

דאס פראבלעם פון דעם אידישען ארבייטער פיהרער

(שלוס פון זייט 9)

זען באטראכטען אלס אנטי־סאציאליס־טיש יעדער באוועגונג אדער יעדע אק־ציאן, וועלכע פארבעסערט דאס לעבען פון די פאלקס־מאסען, ווייל דערמיט ווערט דער קאפיטאליזם געמאכט מעהר סטאביל, פארשטארקט. אין קורצען, איהר וועט זיך מוזען אומקעהרען צו דער אפגעלעבטער, פארשימעלטער טעאריע פון „וואס ערגער אלץ בעסער" — אלץ נעהנטער צום „קץ". איהר וועט זיך מו־זען מאכען אלס אויפגאבע צו ברענגען אלע אומגליקען אויף די מאסען פון פאלק; איהר וועט מוזען מיטהעלפען אין דער אימפעריאליסטישער פאליטיק, צו ברענגען צו מלחמות, ווייל וואס אומגליק־ליכער דאס פאלק וועט זיין אלץ גיכער וועט קומען די גאולה, די סאציאלע רע־וואלוציע.

איהר וועט מוזען אנגעהמען, אז די תורה איז ניט געגעבען געווארען צוליב דעם פאלק ישראל, נאר אז דאס פאלק ישראל איז באשאפען געווארען כדי עס זאל זיין ווער עס זאל מקבל זיין די תורה; אז סאציאליזם איז ניט באשאפען געווא־רען כדי צו פארבעסערען דעם לעבען פון די פאלקס־מאסען, נאר אז די ארבייטער זיינען געשאפען געווארען פאר דעם איינ־ציגען צוועק צו שאפען סאציאליזם.

די פראגע איז אבער, וואס זאגען אויף אזא טעאריע די פאלקס־מאסען גופא? זיינען זיי צופרידען צו זיין בלויז דער סאציאלער טייג אין די הענד פון סאציא־ליסטישע אלכעמיקער, אדער זיינען זיי אמת'ע לעבעדיגע מענשען מיט א ברע־נענדען פארלאנג צו לעבען און געניסען פון לעבען — און ניט לעתיד לבוא, נאר שוין היינט?

ביי קיין קלארען מענשען קען גאר קיין פראגע ניט זיין, אז די ארבייטער־מאסען ווילען קודם כל לעבען אויף דער וועלט, און ניט אויף יענער וועלט. און די אויפגאבע פון א טרייד־יוניאן איז בע־סער צו מאכען דאס לעבען פון די ארביי־טער וועלט אויף דער וועלט, איצט. און דער פיהרער פון א יוניאן, ווי ראדיקאל ער זאל ניט זיין „פריוואט", מוז אלס יוניאן־פיהרער כסדר נעהמען וויפיל ער קען שוין איצט באקומען; און עס איז זיין פליכט אוועקצולעגען אויף דער פא־ליציע אלע פראזען, אויב זיי קענען נאר אויף דאס מינדעסטע שטערען אין דער דערגרייכונג פון די באלדיגע צילען פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג.

ניין, עס איז ניט קיין צופאל, וואס סאציאליסטען, וועלכע ווערען פיהרער אין טרייד־יוניאנס, ווערען מיט דער צייט „קאנסערוואטיוו". דאס איז דער לאגי־שער רעזולטאט פון זייער טעטיגקייט אלס טרייד־יוניאן פיהרער, אויב זיי ווע־לען זיין טריי צו זייער ארבייט. דא איז ניט קיין פראגע פון דעם אדער יענעם יוניאן־פיהרער. יעדער איינער אויף זייער פלאץ מוז אזוי האנדלען. דאס ליגט אין דער נאטור פון דער טרייד־יוניאן ארבייט.

וואס פיהער דאס וועט אנערקענט ווערען, אלץ בעסער איז דאס פאר דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג. עס איז ניט קיין קליינע טראגעדיע פאר די פיה־רער, אז וואס טרייער און איבערגעגעב־נער זיי טוען זייער ארבייט, אלץ מעהר שרייען אונזערע רעוואלוציאנערען, אז זיי זיינען קאנסערוואטארס און, רחמנא לצלן, פאררעטער.

איינס פון די צוויי: אדער אונזערע רעוואלוציאנערען זאלען זיך צוריקקעהרען צו דער אלטער טאקטיק פון דער ס. ל. פ., וועלכע האט פארוועהרט איהרע מיטגלי־דער צו זיין באאמטע אין טרייד־יוניאנס, ווייל טוענדיג עס מוזען זיי אינפארמייד־ליך ווערען „קאמפראמירט", פייקערס און פאררעטער צום ארבייטער־קלאס אלא מארקס, און ממילא וועט די גאנצע טרייד יוניאן־באוועגונג ארייגגעשטעלט ווערען אין דעם רייסטער פון „קאנטר־רעוואלו־ציאנערע" באוועגונגען. אדער אויב די טרייד־יוניאן באוועגונגען צו פארבעסע־רען דעם טאג־טעגליכען לעבען פון די אר־בייטער־מאסען ווערען אנערקענט אלס א נויטווענדיגקייט, זאל איינמאל פאר אלע מאל קאנסטאטירט ווערען, אז דער גאנ־צער כאראקטער פון דער ארבייט מאכט עס אונמעגליך פאר זיי צו זיין ארגאנען פון דער סאציאלער רעוואלוציע, און אז עס איז אונמעגליך פאר זייערע אנפיה־רער צו שיסען מיט רעוואלוציאנערע פרא־זען און גלייכצייטיג זיין ערפאלגרייכע פיהרער פון דעם טאג־טעגליכען ארביי־טער־קאמף אין די ווערקשטאטען און אין די מינען.

פרינשטיין'ס דעזיינינג אקאדעמי.



לערנט דרעפינג, פעטערן מייקינג, פעשאן פיקטשורס, מעסטען, גריידינג און ספעשעל מעזשורמענטס מיט א גאראנטי און לייכטע באדינגונגען.

מאנופעקטשורערס קע־נען באקומען סטיילס קאפירט — סעמפ און סינגעל פעטערנס אויף באשטעלונג אויך באזונדערס.

פרינשטיינ'ס פריוועט דיזיינינג אקאדעמי
פרינשטיינ'ס בילדינג
81 וועסט 118טע סטריט, ניער לענאקס עוועניו
טעלעפאן יוניווערסיטי 6948

דעזיינערס פון
פרויען קליידער ווערען א סך פארלאנגט
א גוטע פראפעסיע פאר מענער און פרויען!

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באל־דיגע פאזישאן און א גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקוהל אוו גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריי־דינג און פיטינג פאר פרויען קליי־דער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מעטאדען
בעסטע רעזולטאטען

פריוואט אונטערריכט. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציע.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקול.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג

DEMONSTRATIONS FREE AT THE SCHOOL

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

912-920 BROADWAY (Cor. 21st St.), NEW YORK
Phone: STUYVESANT 8383.
Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

קויפט אויסשליסליך
זאלאמביא טהעע צוועטאטשני טשאי ווהייט לילי טהעע

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סט., ניו יארק

דעזיינינג און סקעטשינג
א וואונדערבארע פראפעסיע!!!
פארלירט ניט די געלעגענהייט — פאנגט אן גלייך.

איהר קאנט ווערען א פעטערן מאכער און א גארמענט־סקעטשער אין דריי מא־נאטען אדער אין נאך וויייניגער. מען דארף ניט האבען קיין עקסטרא טאלאנט אויסצולערנען זיך דעם „מאדערן סיסטעם" פון פעטערן־מייקינג, גריידינג, דראפ־טינג, גארמענט סקעטשינג, פיטינג און דרייפינג פון ליידיס, מיסעס און טשיל־דרענס קלאוקס, סוטס און דרעסעס.

פריוואטע לעסאנס פון פראקטישע עקספערטען—מעסיגע פרייזען.
קומט אירגענד וועלכען אווענט פון 7 ביז 9. שבת נאכמיטאג, פון 2 ביז 4.

די מאדערן פעשאן אקאדעמי.
114 וועסט 44טע סט., רום 701. אנטקעגען דעם בעלאסקא טעאטער.

GERECHTIGKEIT---(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

[illegible]

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. IV. No. 7. | New York, Friday, Feb. 17, 1922 | פרייטאג, דעם 17טען פעברואר, 1922 | PRICE 3 CENTS

די זאמלונג פון א מיליאן דאלער פאנד פאר דער קלאוקמאכער יוניאן אנגעפאנגען

ווי מיר האבען שוין געמעלדעט אין די „גערעכטיגקייט", האט מען זיך גע-דונגען אין דער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן איבער א מיליאן דאלאר. דער לעצטער קלאוקמאכער סטרייק האט אויס-געלעדיגט דער יוניאן'ס קאסע און א נייער, גרויסער פארטיידיגונגס-פאנד מוז באלד געשאפען ווערען. איז ענטשטאנען א חלוקי דעות; מאנכע האבען געדענקט, אז עס זאל געשאפען ווערען א פאנד פון צוויי מיליאן דאלאר. דאס וואלט מיינען, אז אין די נעקסטע פאר מאנאטען, ביז אין ענדע פון מאנאט מאי, זאל דיזע סו-מע געשאפען ווערען. אנדערע ווידער דענ-קען, אז ווי נויטיג עס זאל ניט זיין פאר דער יוניאן צו האבען אזא פארטיידיגונגס פאנד, איז אבער די צייט צו קורץ איהם צו שאפען, און דערווייל זאגען זיי האט גענוג זיין איין מיליאן.

דיזע פראגע, איין מיליאן אדער צוויי מיליאן, האט באשלאסען ווערען פון די לאקאלס גופא. יעדער לאקאל באזונדער האט שטימען ווי גרויס דער פאנד זאל זיין.

דער דזשאינט באארד האט נאך ניט באקומען די אפשטימונג פון אלע זיינע לאקאלס אין באצוג צו דער פראגע, אבער די עס שיינט, וועט שוין בלייבען, דאס אין פארלויף פון דעם איצטיגען סיזאן זאל געשאפען ווערען איין מיליאן דא-לאר. דאס מיינט צוואנציג דאלאר פאר א מיטגליד, און דיזע סומע וועט דארפען איינגעצאהלט ווערען אין די נעקסטע עט-ליכע וואכען.

אויב עס איז געווען אין דער קראוס-מאכער יוניאן א חילוקי דעות וועגען איין מיליאן אדער צוויי, זיינען אבער אלע קלאוקמאכער א י י נ ש ט י מ י ג, דאס א מיליאן דאלאר פארטיידיגונגס-פאנד דארף באלד ווידער געשאפען ווערען. אלע קלאוקמאכער וועלען מיט צופרידענהייט ביישטראגען זייער טייל צו דעם פאנד, און טאהן אזוי שנעל ווי מעגליך.

א פארטיידיגונגס-פאנד פון איין מי-ליאן דאלאר וועט, אלזא, גאנץ באשטימט געשאפען ווערען אין די נעקסטע פאר מא-נאטען, און די ערשטע איינצאהלונג פון פינף דאלאר האט זיך שוין אנגעהויבען. דאס האט זיך אנגעהויבען מיטוואך, דעם 15טען פעברואר.

ווי ברודער קאפּלאוויטץ, דער טרע-זשורער פון דזשאינט באארד, גיט אונז איבער, זיינען די ערשטע פינפערלאך פאר דעם פאנד געבראכט געווארען אין אפיס פון דער יוניאן מיט גרויס באגייסטערונג. די קלאוקמאכער ווייסען גאנץ גוט וואס די יוניאן מיינט פאר זיי, און זיי ווייסען אויך, אז דער יוניאן'ס קאסע טאר ניט זיין ליידיג. זיי ווייסען, אז באלד וועט די יוניאן דארפען רעדען מיט די באלע-באטים וועגען באנייען דעם אגרימענט אין טרייד און אין אזא צייט איז געוויס נויטיג די יוניאן זאל זיין באווארנט מיט א גרויסער טרעזשורי. די קלאוקמאכער טראגען דעריבער די פינפערלאך אין דער יוניאן מיט ענטוזיאזם!

זאל דער ענטוזיאסטישער שטראם פון פינפערלאך אנהאלטען, ביז דער מיליאן דאלאר וועט זיין אין דער יוניאן'ס קאַ-סע, אויף דעם פלאץ פון דעם מיליאן דא-לאר, וואס איז אוועק אויף דעם לעצטען וואונדערבארען קלאוקמאכער סטרייק.

וועסט און דרעס שעפער ארגאניזאציאנס קאמ-פיין געהט אן

דער ארגאניזאציאנס-קאמפיין אין דער וועסט און דרעס אינדוסטריע, וואס דער דזשאינט באארד האט לעצטענס איניציר-נומען, ווערט פארגעזעצט יעדען טאג, אלע טאג ווערען אינטערגענומען ניט-ארגאניזירטע שעפער און די ארבייטער פון דיזע שעפער שליסען זיך אן אלס מעמ-בערס פון דער יוניאן. פילע מאניפעקטשו-רער סעטלען מיט דער יוניאן און די ארבייטער קערען זיך צוריק צו דער אר-בייט. עס זיינען, נאטירליך, אויך דא פירמען, וואס ווילען ניט סעטלען און יע-נע שעפער ווערען געהאלטען אין סטרייק. די אלע סטרייקענדע וועיסט און דרעסמא-כער געפינען זיך אין לייבאר טעמפּל, קארנער 14טע סטריט און 2טע עוועניו.

דער איצטיגער ארגאניזאציאנס-דרייוו פון די וועיסט און דרעסמאכער איז פון אן אנדער כאראקטער, ווי די אלע קאמ-פיינס וואס דיזע יוניאן האט פריהער אנ-געפיהרט. דער ארגאניזאציאנס-קאמפיין איז אונטערנומען געווארען מיט א גוט-דורכגעטראכטען פלאן, און ער וועט ניט אויפגעגעבען ווערען ביז די אלע „גאנ-יוניאן" שעפער אין דער אינדוסטריע וועלען זיין ארגאניזירט. און אלע סימנים צייגען, דאס דיזע ארבייט וועט געקריינט ווערען מיט ערפאלג.

א פרעהליכע ערשיינונג אין דעם איצ-טיגען „דרייוו" איז דער פאקט, וואס אלע אקטיווע מיטגלידער פון די וועיסט און דרעסמאכער לאקאלס העלפען דעם דזשאינט באארד אין דער אונטערנעמונג ארבייט. די מיטגלידער פון אלע לאקאלס. בארדס פון די לאקאלס, וואס שטעלען צוזאמען דעם וועיסט און דרעסמאכער דזשאינט באארד, ארבייטען גאנץ איבערגעבען צו העלפען ארגאניזירען די שעפער. ווי ארבייטען צוזאמען מיט די באאמטע פון דזשאינט באארד אין אזא הארמאנישעם צוזאמענ-ארבייטען וועט געווים ברענגען גוטע רע-זולטאטען.

דער פערטעל יעהרליכער מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

בעת מיר געהען צום דרוק מיט דעם נומער „גערעכטיגקייט", איז דער מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין אטלאנטיק סיטי אין פולען גאנג. די-זער מיטינג איז איינער פון די וויכטיגסטע מיטינגען אין דער געשיכטע פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן.

די אינטערנעשאנאל איז געקומען צו דעם איצטיגען פערטעל-יעהרליכען מיטינג מיט א פולען רעקארד פון נצחונות איבער אלע איהרע פארביסענע שונאים. אפשר נאך קיינמאל פריהער זיינען די שונאים פון דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג אזוי פרעך ארויסגעטראטען, ווי אין דער לעצטער צייט, און ספעציעל איז עס געווען דער פאל מיט די קלאוק-מאנופעקט-שורער אסאסיאיישאנס, וועלכע האבען זיך מיט אזא פארביסענער ביזוויליגקייט פארגומען צו „פארניכטען" די אינטער-נעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יו-ניאן, וואס שטעקט זיי ווי א ביין אין האלז און לאזט זיי ניט רוהען.

און טאקע דארטען, אין דער וועלבינגער שטארט, אין אטלאנטיק סיטי, זיינען לעצ-טען זומער זיך צונויפגעקומען די קלאוק-מאנופעקטשורער אסאסיאיישאנס, און דארטען טאקע האבען זיי באשלאסען, אז זיי מוזען די אינטערנעשאנאל „צוקלא-פען". אפריהער — האבען זיי געזאגט — האט די אינטערנעשאנאל אונז דיקטירט באדינגונגען, איצטער האבען זיך אומגע-דרעהט די טישען, איצטער וועלען מיר איהר דיקטירען, איצטער וועלען די יו-ניאנס מוזען אננעהמען אונזערע קאנדי-ציאנען.

אט אזוי האבען גערעדט די פארשטע-הער פון די קלאוק אסאסיאיישאנס, וואס האבען זיך פארזאמעלט אין אטלאנטיק סיטי צו פארניכטען אונזער אינטערנע-שאנאל יוניאן.

איצטער אבער ווייסען שוין די פאר-שטעהער פון יענע אסאסיאיישאנס, אז זיי האבען דערמאלט געמאכט דעם חשבון אהן דעם באלעבאס! ווי נאר זיי האבען זיך גענומען פאר דער טייוועלשער אר-בייט, דאס הייסט, אדורכצופיהרען זייער באשלוס, האבען זיי גלייך דערפיהלט אז זיי האבען דא א גאנץ הארטען נוס צו צוקנאקען און... דער סוף איז געווען, אז זיי האבען זיך די צייהנער צובראכען און דער נוס איז גאנץ געבליבען! דער סוף איז, דאס די אינטערנעשאנאל, וועלכע זיי, די מאנופעקטשורער, האבען „פאר-ניכטעט" אין אטלאנטיק סיטי, — זיצט נאר איצטער אין דער וועלבער שטאדט

(שלוס אויף זייט 16)

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 7.

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש. וואס הערט זיך אין דער רייגקאוט מאכער יו-ניאן לאקאל 20? סעם פרידמאן.
זייט 3. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער. צוויי מיטינגען פון דער דרעסמאכער יו-ניאן לאקאל 22 — י. שעהנהאלץ.
זייט 4. נאכ'ן קלאוקמאכער סטרייק — רוש. העלער.
זייט 5. אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. א בריף אין רעדאקציע — ס. סיימאנס.
זייט 6 און 7. אין א קליין שטעדטעל — מרים קארפילאוו. קוויטירונגען פון לאקאל 90 פאר סאוועט-רוסלאנד.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 9. נאך אמאל וועגען איבדזשאנקשאנס — ז. ווהילער. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 10. א בראנזאלאגישע געשיכטע פון לעצטען קלאוקמאכער סטרייק — אלעק-סאנדער טראכטענבערג. א „ספע-ציעל" (גאלישאן) — מ. צינקין.
זייט 11. טאמאס עדיסאן — ל. באראדולין. פאר וואס? (געדיכט) — נחום י.
זייט 12. די קלאוקמאכער פון קליוולאנד — מ. פערלשטיין. ווי צו זיין געזונד — דר. ב. דובאווסקי.
זייט 13. קורצע שמועסן.
זייט 14 און 15 — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. די „אפען-שאפ" פארזאמלונג אין בראזיל א גרויסער ערפאלג. אינ-טערנעשאנאל דריקט אוים סימפאטיע צו די מיינערס. אין דעם דעזיינערס יו-ניאן לאקאל 45 — מ. גאלדאווסקי.

אונזערע העלדישע וועיסט און דרעס סטרייקער פון פילאדעלפיא

הוגערנדיג אליין שטיצען זיי די אידישע מלחמה קרבנות.

עס איז שוין אריבער פיר און צוואנ-ציג וואכען ווי אונזערע בראווע וועיסט און דרעס מאכער פון פילאדעלפיא שטע-העו אין קאמף געגען זייערע הארצלאזע באלעבאטים און קעמפען העלדיש פאר זייערע רעכטען אין שאפ, וואס זייערע באלעבאטים האבען זיך פארגומען ביי זיי אוועקצונעהמען. אויסשטעהענדיג א סך ליידען, זיינען די סטרייקער היינט צו טאג פונקט אזוי בראוו און מונטער, פונקט אזוי קאמפּס-לוסטיג, ווי דעם ער-שטען טאג וואס זיי זיינען ארונטער אין סטרייק. דער מערקווירדיגער קאמפּס-לוסט פון די ארבייטער איז ווירקליך צו באוואונדערען.

אבער וועגען דעם איז ניט נויטיג צו ווידערהאלען. דאס איז שוין ניט באַ-וואוסט צו אלע מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל, און צו אלעם אין דער ארבייטער-באוועגונג.

דא ווילען מיר אויפמערקזאם מאכען אויף א באזונדערס נאבעלען שטריך פון די בראווע וועיסט און דרעס סטרייקער, וואס האט לעצטע וואך אויפגערודערט די גאנצע עפענטליכע מיינונג אין פילא-דעלפיא און האט גאר אויף דאס ניי ארויסגערופען א סך באוואונדערונג פאר די סטרייקער.

אין פילאדעלפיא האט לעצטע וואך זיך אנגעפאנגען א „דרייוו" פאר א מי-ליאן דאלאר פאר די מלחמה- און פאגראם

(שלוס אויף זייט 16)

לעקטשורס אין אידיש אין הארלעם.

דעם פרייטאג אווענט וועט אין האר-לעם, אין „כאשעליסט עדוקיישאנאל סענטער", 62 איסט 106טע סטריט, פארט-געזעצט ווערען די לעקטשורס אין אידיש איבער „די צילען פון דער ארבייטער באַ-וועגונג", פון מאקס לעווין.

די ערשטע לעקציע לעצטען פרייטאג אב. איז געווען אן ערפאלג. זאל אויך זיין אן ערפאלג די צווייטע לעקטשור, דעם פריי-טאג אווענט.

יוניטי באל פאר רוסלאנד דינסטאג, פעברואר 21

נעקסטען דינסטאג אווענט, דעם 21טען פעברואר, וואשינגטאן'ס געבורטסטאג, איז דער יוניטי באל צו גונסטען די הונ-געריגע מאסען אין סאוועט-רוסלאנד. דער באל וועט זיין אין סטאר קאסינא האל, 107טע סטריט, צווישען לעקסינגטאן און פארק עוועניוס.

דער יוניטי-באל איז אראנזשירט גע-ווארען פון דעם דזשאינט באארד אין דער וועיסט און דרעס אינדוסטריע און דער גאנצער פראפיט וועט געהן פאר די הונ-געריגע מאסען אין סאוועט-רוסלאנד.

אויף דעם יוניטי-באל דינסטאג אווענט וועלען זיך צונויפטרעפען אלע פריינט און באקאנטע, אלע באזוכער פון די יוניטי הויז אין פארעסט פארק, און עס וועט דארט זיין א פארזעצונג פון דער פרעה-ליכקייט און לוסטיגקייט, וואס הערשט גע-וועהנליך אין דער יוניטי הויז. מען מעג דעריבער ערווארטען, דאס די אונטערנעה-מונג וועט זיין א גרויסער ערפאלג אין אלע הינזיכטען.

א באנקעט פון דער אר־גאניזיישאן קאמיטע

שבת אווענט, נאך דעם מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכערס יוניאן, האבען זיך די באאמטע און אק־טיווע מיטגלידער פון דער יוניאן פארזא־מעלט ביי א באנקעט, וואס איז ארגא־ניזירט געווארען פון דער ארגאניזאציאנס קאמיטע פון דעם גרויסען קלאוקמאכער־סטרייק. עס איז געווען א שמחה פון א קאמיטע, וואס האט געטאן רויזיגע ארבייט אין סטרייק. אבער אויסער זיך משמח זיין האט מען אויך דיסקוטירט איבער דעם צושטאנד פון דער אידישער ארבייטער באַ־וועגונג און עס איז געווען זעהר אן אינ־טערעסאנטער אווענט.

א רעדע פון פרעזידענט שלעזינגער אי־בער די ארגאניזאציאנס מעטאדען פון דער אינטערנעשאנאל איז באגעגנט געווארען מיט א שטורמישען בייפאל. אויסער שלע־זינגער'ן זיינען ביי דער שמחה פון דער קאמיטע אויך געווען סעקרעטאר אב. באַ־ראף, רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט" ש. יאנאווסקי, ה. ניסקין, טשערמאן פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, און ה. לאנג, ליבאר עדיטאר פון „פאר־ווערטס". אויך זיי האבען געהאלטען רע־דעס. עס האבען אויך גערעדט דזש. העל־לער, וויים פרעזידענט פון דער אינטער־נעשאנאל, ה. הייט, אבנר און סאול מעטץ, דער טשערמאן פון דער ארגאניזאציאנס קאמיטע. מעטץ און זיין ארבייט אין סטרייק איז שטארק געלויבט געווארען פון אלע רעדנער. שלעזינגער האט אנגעוויזען אויך אויף דער מוסטערהאפטער פיהרער־שאפט פון אלע קאמיטעס אין סטרייק. דער טאאסט מאסטער פון אווענט איז גע־ווען דער דזשענעראל מענעדזשער פון דער יוניאן, ברודער י. פיינבערג.

דאנק רעזאלוציעס פון א. בע־לער'ס ארבייטער.

אויף א שאפ מיטינג פון די ארבייטער פון א. בעלער און קא. איז אנגענומען גע־ווארען א רעזאלוציע, אין וועלכער פרעזי־דענט שלעזינגער און אויך אלע אנדערע פיהרער פון לעצטען קלאוקמאכער סטרייק ווערען באדאנקט, וואס דער סטרייק איז געבראכט געווארען צו אזא ערפאלגרייכען ענד.

אויף דעם זעלבען מיטינג איז אויך אויסגערדריקט געווארען א דאנק צו בר. מ. מאכלין פאר זיין איבערגעבענקייט צו די ארבייטער פון דעם שאפ אין דער צייט פון סטרייק און ער איז פרעזענטירט גע־ווארען מיט א ווערטפולען פרעזענט. א פרעזענט איז אויך געגעבען געווארען צום סעקרעטאר פון שאפ, ברודער סטיינהארט.

י. בלאק,
הערי פיירשטיין,
ס. סטיינהארט.

לעקטשורס אין יוניאן העלט סענטער.

אין יוניאן העלט סענטער, 131 איסט 17טע סטריט, ווערען געגעבען לעקטשורס איבער געזונדהייטס פראגען. די לעק־טשורס ווערען געגעבען אלע פרייטאג אווענט.

דעם פרייטאג אווענט, דעם 10טען פעברואר, וועט דר. עדווארד מאהויזער לעקטשורען איבער „טובערקולאזיס און ווי מען קאן זיך פון דעם אויסהיטען".

פרייטאג אווענט, דעם 17טען פעברו־אר, וועט לעקטשורען דר. ב. ליבער. ער וועט רעדען איבער „די מעות'ן אין דער דיעטע פון די אידישע ארבייטער".

די לעקטשורס זיינען אינטערעסאנט און באלערנד און זיי פארדינען גוט בא־זוכט צו ווערען.

לעקטשור און קאנצערט דעם פרייטאג אין הארלעם.

(שלוס פון זייט 1)

אונזערע מיטגלידער קומען צו די לעק־טשורס און מאכען פון דער אונטערנעמונג אן ערפאלג. די לעקטשורס וועלען אהן צווייפעל זיין גאנץ אינטערעסאנט פאר אלע די, וואס אינטערעסירען זיך מיט דער ארבייטער באוועגונג בכלל און מיט אונזער יוניאן בפרט.

צוזאמען מיט'ן לעקטשור וועט אויך געגעבען ווערען א שעהנער קאנצערט, מיט באוואוסטע טאלאנטען פון דער מוזיקא־לישער וועלט. זאלען אונזערע מיטגלידער פון הארלעם קומען צו דער פארזאמלונג און קאנצערט. זיי וועלען געוויס גרויס הנאה האבען און דערביי עפעס לערנען. דער אווענט וועט זיין אמוזאנט און בא־לעהרענד.

פאריערס פארלענגערן זייער טרייד אגרימענט

נאך א ריי קאנפערענצען פון דער פאריערס יוניאן מיט דער פאר מאנופעק־טשורערס אסאסיאיישאן, דורך דער פאר־מיטלונג פון דר. י. ל. מאגנעס, איז דער אגרימענט אין פאר טרייד פארלענגערט געווארען. אין דעם טרייד בלייבען די זעלבע יוניאן קאנדישאנס ווי ביז איצט. עס פארבלייבען אויך ווייטער די זעלבע וויידזשעס, די זעלבע ארבייטס־צייט און אז. וו.

פאראכטאגנע מיטוואך האבען די פאר־יערס געהאט א מיטינג אין בעטהאווען האל און די מיטגלידער האבען גוטגעהייסען דעם פריזליגען סעטלמענט מיט די מאנופעקטשורערס.

עס איז ביים מיטינג ארויסגעבראכט געווארען פאר די פאריער, אז עס איז א דאנק זייער אנטשלאסענהייט, וואס עס איז פארמידען געווארען א גענעראל סטרייק אין טרייד, און עס זיינען דאך געבליבען אלע יוניאן קאנדישאנס אין קראפט.

מאריס קויפמאן, דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל פאר ווארקערס יו־ניאן, האט באגריסט די ארבייטער אין נא־מען פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל און ער־קלערט, אז די פאריערס האבען מיט זייער האלטונג אויסגעמאנט דעם לאזונג פון דער אינטערנעשאנאל, ניט נאכצוגע־בען די קאנדישאנס ווי באוועג יוניאן לייט.

ווען די קאנדישאנס ווי באוועג יוניאן לייט, „די מאנופעקטשורער ווייסען, וואס פאר א קאמף די פאריערס קאנען פיהרען". — האט דער אינטערנעשאנאל פרעזידענט פון די פאריערס געזאגט. „די פאריערס האבען געוויזען מיט זייער קאמף אין 1926, ווען די רעאקציע האט געבושעוועט אין לאנד, און דער טרייד האט דורכגע־מאכט א שרעקליכען פינאנציעלען קריזיס. אפילו דאן האבען די מאנופעקטשורער גע־מוזט אנערקענען די מאכט פון דער יוניאן און אריינטרעטען מיט איהר אין קאנט־ראקט פארבינדונגען. אט די פארבינדונ־גען, וועלכע ווערען איצט באקרעפטיגט".

דער באריכט פון די קאנפערענצען איז אפגעגעבען געווארען פון א. בראונשטיין, דער מענעדזשער פון פאריערס דזשאינט באארד, וועלכער האט דערצעהלט פון אלע פארהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורער־ער און איבערגעגעבען באזונדערע איינצעלהייטען פון די קאנפערענצען.

צווישען די רעדנער זיינען געווען: טשארלס אוירוין, רעדאקטאר פון „האר", און גענאסע ב. וואראק.

דער מיטינג האט זיך געענדיגט מיט דעם לאזונג, אז דער געווינס וועט זיין פו־לע באדייטונג קריגען, ווען דער אגרימענט וועט ווערען ענפארסט און די באלעבאטים וועלען נאכהיטען יעדען פונקט פון דעם אגרימענט.

קלאוקמאכער סטרייק אין אלענטאון

די פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן און די סענטראל ליבאר יוניאן פון אלענ־טאון, פא., פיהרען יעצט אן א סטרייק גע־גען מ. קרעמער און סאן. דער סטרייק איז געדרופען געווארען נאכדעם ווי די באלעבא־טים האט זיך פארוואלט איינפיהרען די אלטע סוועט שאפ סיסטעם פון שטיק־אר־בייט. ווען די ארבייטער זיינען ארויס אין סטרייק אין דעם פילאדעלפיער שאפ, אלס ענטפער צו דעם פארלאנג פון קרעמער'ן, איז דיזע פירמע אנטלאפען קיין אלענטאון, פא., רעכענענדיג, דאס דארטען וועט זי קא־נען אומגעשטערט איינפיהרען איהר מארעל סוועט שאפ אומגעשטערט פון דער יוניאן. אבער זיי האבען געמאכט דעם חשבון אהן דעם באלעבאס. די יוניאן האט זיי דארט אויך דערגרייכט. די יוניאן איז אנטשלא־סען צו קעמפען ביז וואנען די דאזיגע בא־סעס וועלען קומען סעטלען אויף יוניאן קאנדישאנס.

די קלאוקמאכער יוניאן פון פילאדעל־פיע האט אין אלענטאון א קאמיטע, וועל־כע פירט ענערגיש אן דעם קאמף געגען דער פירמע.

פרעזענטירען זייער שאפ טשערמאן:

מיר, די ארבייטער פון וויינסטיין און סאן פון 2426 ערשטע עוו., פארזאמעלט ביי א מיטינג, דריקען אוים אונזער טיפ־סטען דאנק און אנערקענונג צו אונזער שאפ טשערמאן, ברודער דזשייקאב שניי־דער, מעמבער לאקאל 17, פאר זיין אמת איבערגעגעבענער ארבייט פאר אונז פאר דער צייט, וואס מיר האבען געסטרייקט, און איבערהויפט פאר די געטריייע ארבייט פאר אונז אין שאפ. א דאנק איהם האבען מיר א הונדערט פראצענטיגען יוניאן שאפ. פאר זיין גוטע ארבייט האבען די ארבי־טער פון שאפ איהם פרעזענטירט מיט הונדערט דאלער.

משארל ליווי,
לואיס אקסעלראד,
סעם וועבער,
רעזאלוץ. קאמיטע.

דרעסערס יוניאן לאק. 45 א. ל. ג. וו.

א וויכטיגער ספעשעל מיטינג וועט פארקומען שבת, 1 אזייגער ביי טאג, דעם 11טען פעברואר, אין מארטיניק האטעל, 32טע סטריט און בראדוויי, אין די און רום. ביי דיזען מיטינג וועט פארקומען וואהלען פאר טשערמאן, וויים טשערמאן און עקזעקוטיוו באארד. עס וועט אויך אפגעגעבען ווערען א באריכט פון אונזער נייעם מענעדזשער מ. גאלדאווסקי, וועל־כער איז געווען מיט דער קלאוקמאכער יו־ניאן פאר יאהרען און איז יעצט, מיט דער צושטימונג פון דער דזשוינט באארד אנ־געשטעלט געווארען צו ארבייטען פאר די דרעסערס. קיין מעמבער טאר ניט פאר־פעלען צו זיין אויף דעם מיטינג, ווייל פראַ־גען, וועלכע עס אינטערעסירען יעדען דרע־סער, וועלען פארהאנדעלט ווערען.

עס מוז זיך אנפאנגען נייער לעבען אין אונזער לאקאל און דאס קאן געטאן ווע־רען, ווען יעדער מעמבער וועט קומען צום מיטינג און נעמען אן אנטייל אין דער פיה־רונג פון אונזער ארגאניזאציאן.

ברענגט מיט אייער יוניאן קארד צום מיטינג.

מ. לינקאף, סעק.

טיקעטס צו האלבע פרייזען אין בראדוויי טעאטערס.

דער באוואוסטער טעאטער מענעדזשער מר. האפקינס, האט געמאכט ארענדזשמענטס מיט אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, דאס די מיטגלידער פון אונזער אינטער־נעשאנאל זאלען באקומען טיקעטס פאר א האלבען פרייז.

פאר דינסטאג און דאנערשטאג אווענט, אין פלימוט טעאטער, וואו עס ווערט געשפילט „די דעלודזש".

די מיטגלידער דארפען ווייזען ביים באקס־אפיס דעם יוניאן־ביכעל, וועלען זיי באקומען טיקעטס פאר א האלבען פרייז.

מיט טיקעטס דארף מען זיך פארזאר־גען מיט א טאג פאר דער פארשטעלונג, אדער דעם זעלבען טאג ביז 7 אוהר אין אווענט.

אינטערנעשאנאל אפען פארום מיטינג דעם פרייטאג אין הארלעם.

(שלוס פון זייט 1)

שלעזינגער איינלייטען א דיסקוסיע איבער די פראבלעמען פון דער קלאוק אינדוס־טריע און נאכדעם וועלען די באזוכער די פראגען דיסקוטירען. אויך דער טשער־מאן פון דער פארזאמלונג וועט זיין דער זעלביגער, ברודער י. פיינבערג, דער דזשע־נעראל מענעדזשער פון די דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

די ערשטע צוויי דיסקוסיאנס פארזאמ־לונגען, אין די בראנקס און אין הארלעם, זיינען געווען אן ערפאלג אין אלע הינ־זיכטען, און מיר האפען, דאס דער דריט־טער מיטינג דעם פרייטאג, אין בראנז־וויל, וועט זיין פונקט אזוי ערפאלגרייך, ווי עס זיינען געווען די ערשטע צוויי. די קלאוקמאכער פון בראנזוויל וועלען געוויס ווייזען, דאס זיי שטעהען אויף דער זעל־בער הויך, ווען עס קומט צו דיסקוטירען די פראבלעמען פון טרייד, ווי זייערע ברידער אין שוועסטער פון די בראנקס און פון הארלעם.

די צווייטע אפען פארום פאר־זאמלונג אין הארלעם.

די צווייטע „אפען פארום" פארזאמ־לונג, לעצטען פרייטאג אווענט אין האר־לעם, איז געווען פונקט אזוי ערפאלגרייך, פונקט אזוי שעהן און אינטערעסאנט, ווי עס איז געווען די ערשטע פארזאמלונג, מיט א וואך צוריק אין די בראנקס. אין א געוויסער הינזיכט, האט די פארזאמלונג אין הארלעם ארויסגעוויזען מעהר אינטע־ליגענץ, ווי די ערשטע פארזאמלונג אין די בראנקס. דאס האט זיך ארויסגעוויזען דורכדעם, וואס די מעהרסטע פון די רעדנא־טארען אויף דער פארזאמלונג האבען גערעדט ראנישער, מיט א בעסערער פאר־שטענדניס פון די פראבלעמען אין טרייד, ווי די רעדנאטארען פון די בראנקס. ארום צעהן רעדנאטארען האבען גערעדט און די מעהרסטע פון זיי האבען גערעדט אזוי, דאס מען האט געזעהן, אז זיי פארשטעהען די פראבלעמען אין דער אינדוסטריע, און דאס זיי זיינען באמת פאראינטערעסירט ווי די פראגען זאלען געלייזט ווערען.

פרעזידענט שלעזינגער האט איינגע־לייט די דיסקוסיע בנוגע די פראבלעמען פון דעם איינצייל שאפ און דעם אוטסייד שאפ און די רעדנאטארען האבען נאכדעם ארויסגעזאגט זייער מיינונג אין באצוג די־זע פראבלעמען.

דער טשערמאן פון דער פארזאמלונג איז אויך געווען דער זעלבינער, ברודער י. פיינבערג, דזשענעראל מענעדזשער פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

אין אלגעמיין קאן געזאגט ווערען, דאס די קלאוקמאכער פון הארלעם האבען די פארזאמלונג אויפגענומען מיט דער זעל־בער ווארימקייט ווי דאס האבען געטאן די קלאוקמאכער פון די בראנקס. זיי האבען אויסגעדריקט גרויס צופרידענהייט וואס די יוניאן רופט איין אזעלכע פארזאמלונ־גען. פרעזידענט שלעזינגער'ס איינלייטונג און אויך זיינע ענטפערס צו די רעדנאטאַ־רען צום סוף, זיינען אויפגענומען געווא־רען מיט א סך אפלאדיסמענטען.

די פעדעראלע אונטערזוכונג אין דער קלאוק אינדוסטריע וועט אין גיכען פארקומען

(שלוס פון זייט 1)

גאנצער גארמענט אינדוסטריע, ווי מיר ביידע — איהר און איך — פארשטעהען אז דאס דארף געטאן ווערען.

„דער דעפארטמענט אף קאמערס און לייבאר וועט פינאנסירען די ארבייט פון דער קאמיסיע און וועט צושטעלען קלוירקס און אנדערע הילף וואס וועט זיין נויטיג. נאטירליך, די קאמיסיע אליין וועט אנפירען און דירעקטירען די גאנצע אונטערזוכונג.

„גלויבענדיג, דאס מיר פארשטעהען זיך גוט איינער דעם צווייטען וועגען די־זע אלע פונקטען, וואלט איך דאריבער זעהר וועלען דאס איהר זאלט אונז צו־שיקען א ליסט מיט נעמען, כדי מיר זא־לען קאנען אויסקלייבען די קאמיסיע און גלייך צוטרעטען צו דער אונטערזו־כונג.

„זעהר איבערגעגעבען אייער,
דזשיימס דזש. דייווים,
סעקרעטארי".

ווען דער בריף איז אנגעקומען אין אונזער אפיס, איז פרעזידענט שלעזינ־גער געווען אין שיקאגא, און אן ענטפער אויף דעם בריף איז דאריבער געשיקט געווארען מיט עטליכע טעג שפעטער, דעם 6טען פעבואר, ווען שלעזינגער איז צוריקגעקומען.

ליידיס טיילארס סעמפעל מאכער און אלטעריישאן שניידער לאקאל 3

אויפמערקזאם!

עלעקשאן פאר עקזעקוטיוו באארד מעמבערס און פאר א מענע־דזשער־סעקרעטער פון לאקאל 3, וועט פארקומען

דעם שבת, 11טען פעברואר, 12 ביז 5 נאכמיטאג

אין ברייענט האל, 725 6טע עוועניו.

די מיטגלידער פון די לאקאלס ווערען אויפגעפאדערט זיך צו באטייליגען אין די וואהלען. שטימען וועלען קאנען נאר די וואס זיינען הינטערשטעליג ווייניגער פון זעקס מאנאטען דיוס.

זאלען אלע האבען ביי זיך די יוניאן ביכלאך.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 3

ס. לעפקאוויטש, סעקרעטער.